בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת ויצא תשפ"ו

**פון ג' כסלו - ביז ט' כסלו**

**לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח רבי משה אפרים**
**ב"ר ארי' ע"ה - כ"ד טבת תשע"א**
**ולעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת**
**הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה - ו' אדר תשפ"ה**

צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,
ביטע שיקט א מעסעדזש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער 907-9119 (646)

## זונטאג – ג' כסלו

הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל ב"ר יצחק זי"ע, (טווערסקי), אדמו"ר מסקווירא.

## מאנטאג – ד' כסלו

הרה"ק רבי יעקב דוד ב"ר ישראל יצחק זי"ע, (קאליש), ראש שושלת אמשינוב.
"הנקרא האדמו"ר הזקן מאמשינוב"

## דינסטאג – ה' כסלו

הרה"ק מופת הדור רבי אשר אנשיל ב"ר שמואל הלוי זי"ע, (יונגרייז),
בעל מנוחת אשר, מטשענגער.

## מיטוואך – ו' כסלו

הגה"ק רבי מנחם ב"ר מאיר זי"ע, (אייזענשטאט), בעל חומת א"ש, אב"ד חוסט אונגוואר.

## דאנערשטאג – ז' כסלו

הרה"ק רבי אהרן (ארון) ב"ר קלונימוס קלמן הלוי זי"ע, (אפשטיין), מקראקא.
"הנקרא ר' ארון קראקאווער, אדער דער הויכער ר' ארון"

## פרייטאג – ח' כסלו

הרה"ק רבי אהרן ב"ר מרדכי זי"ע, (טווערסקי), אדמו"ר מטשערנוביל.

## שבת קודש – ט' כסלו

הרה"ק רבי דוב בער ב"ר שניאור זלמן זי"ע, (שניאורסאהן), דער מיטעלער רבי מליובאוויטש.

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה. - כ"ד טבת תשע"א.

לעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה. - ו' אדר תשפ"ה.

**יארצייט**
**זונטאג ג' כסלו**

**הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל ב"ר יצחק זי"ע,**
**(טווערסקי), אדמו"ר מסקווירא,**

ער איז געבוירן אין שטאט סקווירא, בשנת תקפ"ו.

אלס בכור צו זיין טאטן הרה"ק רבי יצחק מסקווירא זי"ע, הנקרא ר' איציקל מסקווירא,
בן הרה"ק רבי מרדכי המגיד מטשרנוביל זי"ע,
בן הרה"ק רבי מנחם נחום בעל מאור עינים מטשערנאביל זי"ע.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת יוכבד ע"ה,
בת הרה"ק רבי דן יונגרלייב מראדוויל זי"ע, (חתן הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע),
בן הרה"ק רבי יצחק מראדוויל זי"ע,
בן הרה"ק רבי יחיאל מיכל המגיד מזלאטשוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי יצחק מדרוהוביטש זי"ע.

דער זיידע דער הייליגער אפטא רב זי"ע איז נסתלק געווארן ה' ניסן בשנת תקפ"ה, און ער איז געווען דער ערשטער וואס מען האט א נאמען געגעבן נאך דעם הייליגען זיידן.

ער איז געווען א צדיק נשגב און א איש קדוש מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א למדן ובקי נפלא בכל מקצועות התורה, דער צדיק האט זיך געפלאגט אויף תורה ברציפות יומם ולילה מיט א התמדה גדולה ועצומה, ער האט עוסק געווען יומם ולילה בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה, ער איז שוין פון יונגעהייט בחייו פונעם טאטן געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות, טויזנטער אידן גדולים וראה השם זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עבודה וואס איז געווען מיט א גרויסע התלהבות דקדושה, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל און א גרויסע בעל צדקה וחסד.

ער איז געווען א ברודער מיט די דריי צדיקים וקדושים.
הרה"ק רבי מנחם נחום משפיקוב זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל מסקווירא זי"ע,
הרה"ק רבי דוד מסקווירא זי"ע.
די טאטע רבי איציקל זי"ע האט געזאגט, אז די 4 קינדער זענען קעגן דעם שם אדנ"י (א'ברהם, ד'וד, נ'חום, י'שראל), און צוליב דעם פלעגט די טאטע זיי זעצן ביים טיש לויט דעם סדר און נישט אויפן סדר פון די עלטער.

עס איז באקאנט אז צדיקים האבן דערציילט, אז ווען מען האט אן געטראגען בזיווג שני פארן הייליגן מגיד מטשערנאביל זי"ע דעם טאכטער פון הרה"ק רבי דוד לייקעס זי"ע, האט דער צדיק רבי דוד לייקעס נישט געוואלט טון דעם שידוך, וויבאלד ער האט געזען, אז דער טאכטער דארף האבן 7 קינדער, אבער אויפן מגיד האט ער געזען אז ער ברויך נאר האבן נאך 5 קינדער, און דערפאר האט ער נישט געוואלט אז די טאכטער זאל דארפן חתונה האבן נאכדעם נאכאמאל כדי צו האבן נאך צוויי קינדער.

דער מגיד האט געבעטן פון רבי דוד לייקעס, אז ער זאל אים געבן דריי טאג דאס צו איבער טראכטן, און דאן האט דער הייליגער מגיד געזאגט פאר רבי דוד לייקעס זי"ע, אז ער האט געפרעגט דעם בעש"ט הקדוש, און דער בעש"ט האט מסכים געווען צום שידוך און געזאגט אויף דעם די פסוק אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה, כִּרְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן יִהְיוּ לִי, און דער מגיד האט געזאגט אז צוויי פון זיינע קינדער וועלן זיין אזוי ווי אירע קינדער.

און הרה"ק רבי אברהם אלימלך מקארלין זי"ע הי"ד, האט צו געלייגט, אז די צוויי קינדער זענען געווען הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל מסקווירא זי"ע, און הרה"ק רבי דוד מזלאטיפאלי זי"ע.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת חיה צפורה ע"ה,
בת הרה"ק רבי שמואל אשכנזי מקאליש זי"ע,
חתן דודו הרה"ק רבי יצחק מאיר מזינקוב זי"ע,
בן הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע.

ווען זיין ערשטע רעבעצין איז ליידער נפטר געווארן יונגערהייט, האט דער צדיק חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת פיגא יענטא ע"ה,
בת הרה"ק רבי יוסף זילבערפארב מראוונא זי"ע,
חתן הרה"ק רבי שלמה מסאווראן זי"ע.

ווערט דערציילט, אז פאר א שטיק צייט האט ער געברויכט לצורך רפואה זיין אין שטאט אדעסא, און בשעת ער איז דארט געווען, האבן די אידן פון שטאט געזען זיין גרויסע עבודה וואס איז געווען מיט א געוואלדיגע קדושה, און אידן האבן זיך דאן מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש, און זענען געווארן חסידים פון דעם צדיק, ווען זיין הייליגע טאטע רבי איציקל זי"ע איז אמאל געקומען באזיכען דעם זון אין אדעסא, זענען די אידן ארויס מקבל פנים זיין דעם טאטן און געזאגט, "לאמיר ארויס גיין מקבל פנים זיין דעם רבין'ס טאטע", ווייל עס איז געווען פאר זיי אזא גרויסע זכי' צו מקבל פנים זיין דעם רבין'ס טאטע.

דער צדיק איז געווען מפורסם אלס א למדן עצום און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער האט געהאט א מנהג ביי א תענית ציבור, פלעגט ער זיצן אין ביהמ"ד און לערנען ברציפות פון נאך שחרית ביז צו מנחה, און פורים ביינאכט פון נאך די מגילה ביז צופרי צו מגילה ליינען, איז ער אויך געזעצן און געלערנט ברציפות ממש אן אויס פאסטן פון תענית אסתר.

דער טאטע פלעגט דעם זון ריפן בלשון חיבה, "מיין ווילדער למדן", און זיך כמה פעמים אויס געדריקט, אז דער זון לערנט באמת תורה לשמה, איין יו"ט שבועות ביים סעודה, האט די טאטע רבי איציקל דערלאנגט א גלעזל וויין פארן זון און זיך אנגעריפן, ער האט דאך מקבל געווען היינט די תורה ממש כנתינתו מסיני, דערפאר קומט דאך אים א גלעזעלע וויין לכבוד די שמחה.

דער צדיק איז געווען מפורסם אלס א גרויס פועל ישועות און א בעל מופת עצום, עס זענען אפילו געווען מענטשן וואס האבן ביים טאטן נישט געקענט באקומען קיין הבטחות אויף א ישועה, אבער ביים זון האט מען באקומען ברכות און געזען ממש אפענע מופתים, דער טאטע וויסענדיג דעם זון'ס כח, פלעגט שיקן אידן וואס ער האט נישט געקענט העלפן, און געהייסן גיין צום זון, און אידן האבן געזען גרויסע ישועות ביי דעם צדיק וקדוש.

מעשה נפלא ווערט דערציילט, אז דער זון רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע איז אמאל אריין צום טאטן רבי איציקל זי"ע און געזאגט, אז ער האט געזען אין ספרי קדמונים, אז ג' כסלו איז א יום טוב, ווייל יענעם טאג איז געשען עפעס א נס ביי כלל ישראל, האט דער זון געבעטן ביים טאטן, אז מען זאל ג' כסלו נישט זאגן קיין תחנון.

דער הייליגער צדיק רבי איציקל האט געזאגט בזה"ל, "מיין ר' אברהם יושע וויל זיך מאכן א יום טוב ג' כסלו, וועלן מיר אים צוליב טון", און פון דאן האט מען אין סקווירא נישט געזאגט קיין תחנון ביום ג' כסלו, יארן שפעטער האט מען געזען די הייליגע אויגן פון דעם צדיק רבי אברהם יהושע זי"ע, אז יענעם טאג ג' כסלו איז ער נסתלק געווארן, דעם טאג פון זיין יום טוב ווען מען זאגט נישט קיין תחנון.

ווען עס איז געקומען צום שידוך פון זיין זון הרה"ק רבי יעקב מסקווירא זי"ע, איז דאן דער מחותן הרה"ק רבי מרדכי מקאריסטשוב זי"ע געקומען זיך שואל עצה זיין מיט זיין פעטער דער טאטע פונעם רבין הרה"ק רבי איציקל מסקווירא זי"ע, אז מען טראגט אים אן א שידוך מיטן זון פון רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע אדער מיט א אנדערן רבין, און ער וויל וויסן וואס דער פעטער האלט, וועלכער שידוך איז מער געראטן פאר זיין טאכטער.

האט דער פעטער רבי איציקל זי"ע געזאגט, עס ווענט זיך וואס די זיכסט, אויב זיכסטו א מחותן א ירא שמים דאן וואלט איך דיר געזאגט אז די זאלסט נעמען דעם זון פון מיין אברהם יהושע, ווייל ער איז א ירא שמים מרובים.

זיין עבודת השם איז געווען מיט א געוואלדיגע קדושה עליונה און א מוראדיגע פרישות און צדקות, ער פלעגט גיין אין מקו' יעדן טאג אפילו אפאר מאל א טאג כדי זיך צו מטהר זיין מיט קדושה, אויך איז ער געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, ער האט מקרב געווען יעדן איד מיט א געוואלדיגע אהבה און עוסק געווען בצדקה וחסד אויף א גאר הויכע דרגה, ער האט מפרנס געווען עניים און צדיקים נסתרים.

ער האט געהאט זיין דרך פון נישט זאגן קיין דברי תורה ברבים, איין מאל זענען די צוויי גרויסע פעטער'ס פונעם רבין הרה"ק רבי משה מקאריסטשוב זי"ע און הרה"ק רבי אברהם המגיד מטריסק זי"ע געווען ביי א שמחה צוזאמען מיטן רבין זי"ע, די צוויי פעטער'ס האבן געזאגט דברי תורה, דאן האבן זיי געבעטן פון דעם רבין אז ער זאל אויך זאגן דברי תורה, האט ער מיט זיין גרויס עניוות געזאגט בזה"ל, "אינני יודע כלום, רק פסוק אחד אני יודע בְּלִבִּי צָפַנְתִּי אִמְרָתֶךָ לְמַעַן לֹא אֶחֱטָא לָךְ".

י"ז ניסן בשנת תרמ"ה איז דער טאטע רבי איציקל זי"ע נסתלק געווארן, דאן האט מען אויף גענומען דעם זון הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע אלס ממלא מקום, אבער מיט זיין גרויס עניוות האט ער דאס רבנות געפירט צוזאמען מיט זיינע צוויי ברודער'ס הרה"ק רבי ישראל זי"ע, און הרה"ק רבי דוד זי"ע.

אבער ליידער האט דער צדיק נישט מאריך ימים געווען און 18 חדשים שפעטער איז ער נסתלק געווארן.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הרה"ק רבי יוסף מאיר ממחנובקא זי"ע, חתן הרה"ק רבי מנחם נחום השני ב"ר אהרן מטשערנאביל זי"ע,
הרה"ק רבי משה דן מסקווירא זי"ע, ממלא מקום אביו, חתן הרה"ק רבי חיים יהודה מאיר חודרוב מבארדיטשוב זי"ע, חתן הרה"ק רבי דוד'ל מטאלנא זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב מסקווירא ליניץ זי"ע, חתן הרה"ק רבי מרדכי ב"ר משה מקאריסטשוב זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת דבורה ע"ה, אשת בן דודה הרה"ק רבי מרדכי ב"ר דוד'ל מסקווירא זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת מלכה ע"ה, אשת הרה"ק רבי מרדכי יוסף ב"ר דוד מזלאטיפולי זי"ע, בן הרה"ק רבי יוחנן מרחמסטריווקא זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת שפרה ע"ה, אשת הרה"ק רבי דוד ב"ר מנחם נחום ב"ר יוחנן מרחמסטריווקא זי"ע,
הרה"ק רבי דוד יודא ליב מקאזאטין זי"ע, הי"ד, חתן אחיו הרה"ק רבי יוסף מאיר ממחנובקא זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים ג' כסלו בשנת תרמ"ז, ומנוחתו כבוד איז אינעם אוהל פון זיין טאטן אין ביה"ח אין שטאט סקווירא.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

**דער צדיק רבי אברהם יהושע העשיל מסקווירא זי"ע** האט גאר שטארק ממעט געווען בדיבור צוליב דעם מעשה שהיה, עס איז געווען א איד וואס האט ליידער פאר יארן נישט געהאט קיין קינדער, דער איד איז כסדר געקומען צום טאטן רבי איציקל זי"ע, און זיך מזכיר געווען פאר א ישועה, אבער דער צדיק האט אים נישט געוואלט געבן קיין הבטחה.

איין טאג איז דער איד ארויס געקומען פון שטוב פונעם טאטן, און געווען גאר שטארק צובראכן אז ער קען נישט פויעלען קיין ישועה ביים רבין, ארויס קומענדיג פון שטוב האט ער דארט געטראפן דעם זון הרה"ק רבי אברהם יהושע זי"ע, און דער איד האט זיך פאר אים אויס געגרעדט זיין צובראכן הארץ, אז ער וויל שוין געהאלפן ווערן מיט זש"ק.

דער צדיק וקדוש מיט זיין גרויס אהבת ישראל האט נישט געקענט צו קוקען צום צער פון דעם איד, און ער האט אים געגעבן א הבטחה, אז ער וועט אי"ה געהאלפן ווערן בקרוב מיט א קינד, כך הוה צום יאר האט דער איד געהאט א בן זכר.

אבער גלייך ווען דער איד איז אוועק פון שטוב, און דער טאטע רבי איציקל איז ארויס געקומען, האט אים דער זון דערציילט די מעשה, און געזאגט פארן טאטן, אז ער האט אים געגעבן א הבטחה אז ער וועט געהאלפן ווערן מיט א קינד, דער טאטע האט געהאט אויף דעם אן הקפדה, וויבאלד ער האט געהאט עפעס א סיבה פארוואס ער האט יענעם איד נישט געוואלט מבטיח זיין, און געזאגט בזה"ל, "בעסער ווינציגער רעדן", פון דאן האט דער זון רבי אברהם יהושע זי"ע גאר ווייניג גערעדט, צוליב וואס זיין טאטע האט אים געזאגט.

אבער אפילו נאך יענעם מעשה, האט דער טאטע כסדר געזאגט פארן גרויסן זון בזה"ל, "ידך כידי, ופיך כפי", און צענדליגע אידן זענען דורך זיינע ברכות געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות, און אפילו דער טאטע האט כסדר געשיקט אידן צום זון בעטן פאר א ישועה מיט ענינים קשים.

**איינמאל איז צום טאטן אריין געקומען א איד**, און געבעטן א ברכה צו געהאלפן ווערן מיט זש"ק, האט אים דער טאטע געהייסן גיין צו זיין זון הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע, ווייל ער לערנט תורה לשמה און ער קען געבן א ברכה, דער הייליגער צדיק רבי אברהם יהושע העשיל האט דאן געהאלטן בעפארן בר מצוה מאכן איינע פון זיינע קינדער, און ער האט געברויכט א גאר גרויסע סומע צו קויפן תפילין וואס איז געשריבן געווארן דורך דעם סופר פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע.

ווען דער איד איז אריין געקומען און זיך מזכיר געווען פאר א ישועה, האט אים דער צדיק געזאגט, אויב די ווערסט באצאלען די תפילין פארן בר מצוה בחור, וועל איך דיר געבן א ברכה אז די זאלסט געהאלפן ווערן מיט א בן זכר בקרוב, דער איד האט גלייך מסכים געווען און געגעבן דעם סכום פארן צדיק, כך הוה צום יאר איז דער איד געהאלפן געווארן מיט א בן זכר.

ווען דער טאטע האט געהערט פון די מעשה, האט ער געפרעגט דעם זון וואס איז פשט פון די בקשה, האט דער זון געזאגט, עס שטייט דאך אין פסוק (דברים ו' ח') וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין, דערפאר אויב גיט מען געלט פאר "טֹטָפוֹת" וואס מיינט תפילין, דאן "בֵּין" ווערט מען געהאלפן מיט א בן זכר.

**איין טאג איז א איד אריין געקומען צום טאטן רבי איציקל זי"ע** און געבעטן א ברכה פאר זש"ק, דער טאטע האט דעם איד נישט געוואלט מבטיח זיין, האט ער אים געשיקט צום זון רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע, דער איד האט זיך מזכיר געווען און דער צדיק האט אים מבטיח געווען א קינד.

ווען דער טאטע האט געפרעגט דעם זון פון ווי ער האט גענומען די יכולת צו מבטיח זיין פאר דעם איד א ברכה פאר זש"ק, האט דער זון רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע געזאגט מיט א פשטות, בעפאר דעם איד, איז אריין געקומען א בעל עגלה, און זיך אויס גערעדט דאס הארץ, אז עס איז אים געשטארבן זיין פערד און ער האט נישט פון ווי זיך מפרנס זיין, גלייך נאכדעם איז דער איד אריין געקומען מיט די הזכרה פאר קינדער.

האב איך געבעטן פון דעם איד וואס וויל האבן א קינד, אז ער זאל געבן דעם סכום פאר דעם בעל עגלה פאר א נייע פערד, און איך האב געטראכט ביי זיך, וואס גייט שוין אן פארן בורא כל עולמים אז דער בעל עגלה וועט האבן א פערד, און דער איד וועט האבן קינדער, כך הוה דער איד איז געהאלפן געווארן צום יאר מיט א קינד.

**ווי באקאנט איז געווען דער מנהג ביי די קינדער** פונעם צדיק וקדוש רבי איציק'ל מסקווירא זי"ע, אז זיי זענען יעדן טאג פארנאכטס אריין צום טאטן אין שטוב, אבער דער זון הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע פלעגט קיין איין טאג נישט אריין קומען, ווייל דער זון רבי אברהם יהושע העשיל האט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה און נישט געוואלט מבטל זיין פון זיין לערנען.

איין טאג איז א איד געקומען זיך מזכיר זיין ביים טאטן, אז ער ברויך זיך ליידער שטעלן צו די מיליטער, און ער האט געבעטן דעם טאטן רבי איציק'ל א ברכה אז ער זאל זיך פטר'ן פון די מיליטער, און דער איד האט געזאגט פארן צדיק, אז ער טראכט סיי ווי צו געבן שוחד פארן ריכטער זיך צו פטר'ן פון די מיליטער, איז ער גרייט צו געבן פארן רבין די 300 רובל אנשטאט פארן ריכטער, און דורך דעם זאל דער רבי פועל'ן א ישועה פאר אים, אבער דער צדיק רבי איציק'ל זי"ע האט דאס נישט געוואלט נעמען און נישט געוואלט צו זאגן א ישועה.

אבער ווען דער זון הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע האט דאס געהערט, האט ער גלייך מסכים געווען צום געשעפט פון דעם איד, און דער איד האט אים געגעבן דאס געלט, און דער צדיק האט אים צו געזאגט א ישועה, און פארשטייט זיך אז עס איז מקיים געווארן דעם צדיק גוזר והקב"ה מקיים, און דער איד איז באפרייט געווארן פון די מיליטער.

אבער יענעם פארנאכטס ווען די קינדער זענען אריין צום טאטן, איז לפלא אויך מיט געקומען דער זון רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע, און די ברודער'ס צווישן זיך האבן גערעדט, איבער דעם וואס דער זון האט געגעבן דעם הבטחה פאר דעם איד וואס האט זיך געברויכט שטעלן צו די מיליטער, און ווען דער טאטע האט געהערט פון די קינדער וואס זיין געהויבענע זון רבי אברהם יהושע העשיל האט צו געזאגט, האט ער גלייך געפרעגט דעם זון, ווי אזוי האסטו געקענט נעמען די געלט פון דעם איד און געבן אזא גרויסע הבטחה.

האט דער זון דער צדיק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע געזאגט מיט א פשטות און תמימות פארן טאטן, דער איד האט דאך סיי ווי געטראכט פון אויס געבן די 300 רובל פאר ריכטער אלס שוחד, און איך האב אויך געברויכט האבן דאס געלט פאר מיינע צדקה צוועקן, (וואס ווי באקאנט האט דער צדיק מפרנס געווען צדיקים נסתרים), און דערפאר בין איך מאמין באמונה שלימה, אז אין דעם זכות פון די מצוות צדקה, וועט דער איד זיכער געהאלפן ווערן מיט א ישועה, האט זיך דער טאטע אויף געשטעלט, און א קיש געגעבן פארן זון אויף די שטערן און געזאגט, "צו דעם דרגה פון אמונה פון אים, בין איך נאכנישט אנגעקומען".

**ווערט דערציילט א מעשה נורא**, א איד איז אמאל געקומען זיך מזכיר זיין ביים טאטן רבי איציק'ל זי"ע, אז ער גרייט זיך יעצט צו פארן פאר צרכי רפואה קיין וויען, און ער האט געבעטן א ברכה פונעם טאטן, דערנאך איז דער איד אריין צום זון הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע צו נעמען א ברכה אויך פונעם זון, און ווען דער צדיק רבי אברהם יהושע העשיל האט געהערט, אז דער איד פלאנט צו פארן קיין וויען פאר צרכי רפואה.

האט ער געפרעגט דעם איד, וויפיל וועט זיין די הוצאות פונעם נסיעה קיין וויען, האט דער איד געזאגט פארן צדיק די סכום, האט דער צדיק געזאגט מיט א פשטות, אויב בוסטו מסכים מיר צו געבן דעם סכום פארן צדקה צוועק וואס איך גיי יעצט ארום פאר הכנסת כלה, געב איך דיר אן הבטחה, אז די ווערסט געזונט ווערן אן דעם וואס די ווערסט ברויכן פארן קיין וויען.

פארשטייט זיך אז דער איד האט גלייך מסכים געווען, און ער האט געגעבן דעם גאנצן סכום פארן צדיק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע פאר הכנסת כלה, און נישט לאנג נאכדעם איז דער איד געזונט געווארן, ווען דער טאטן רבי איציק'ל זי"ע האט שפעטער געפרעגט דעם זון, ווי אזוי האסטו גענומען דאס געלט פון דעם איד, האט דער זון געזאגט מיט זיין גרויס אמונה און בטחון, "פארוואס זאל דער איד אויסגעבן דאס געלט פאר דאקטורים, ווען מען קען דאך מיט די געלט חתונה מאכן א ארעמע כלה", און דער טאטע איז ממש ארויס פון התפעלות פון די גרויסע אמונה וואס זיין הייליגע זון האט.

**יארצייט**
**מאנטאג ד' כסלו**

**הרה"ק רבי יעקב דוד ב"ר ישראל יצחק זי"ע, (קאליש),**
**ראש שושלת אמשינוב,**
**"הנקרא האדמו"ר הזקן מאמשינוב"**

ער איז געבוירן אין שטאט זאריק, בשנת תקע"ה.

צו זיין טאטן הרה"ק רבי ישראל יצחק מווארקא זי"ע, הנקרא דער אלטער רבי פון ווארקא,
בן הרה"ק רבי שמעון זי"ע, הנקרא בעל הרחמנות צוליב זיין גדלות במידות הצדקה.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת רחל ע"ה,
בת הצדיק רבי מאיר מזוריק זי"ע.

ער איז געווען א גאון עולם און א גדול ובקי נפלא בתורה, ער איז געווען א חסיד מפורסם און א איש קדוש מאוד מנורה הטהורה, ער האט יומם ולילה עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה און עבודת השם מיט א געוואלדיגע אש דקדושה, נאך זייענדיג יונג איז שוין זיין נאמען ארויס אלס א גאון מופלג בתורת הנגלה און בתורת הקבלה וחסידות, ער איז געווען באקאנט מיטן זאגן זיינע געהויבענע דברי תורה, און געווען באקאנט אלס א מעיין המתגבר, דער צדיק האט הונדערטער אידן מעורר געווען צו תשובה און תיקון המעשים, ורבים השיב מעון, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל מאוד, ער איז געווען באוויסט אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, טויזענטער אידן האבן זיך מסתופף געווען בצלו ובתוכם רבנים וגדולים וצדיקי הדור.

דער צדיק מאמשינוב האט אמאל דערציילט, אז אלס קליין קינד האט אים זיין טאטע רבי יצחק מווארקא זי"ע גענומען י"ח סיון, צום יארצייט פון הרה"ק רב ישכר בער הסבא קדישא מראדושיץ זי"ע, און שטייענדיג דארטביים ציון, האבן אידן געגעבן קוויטלעך פארן טאטן און דער טאטע האט זיי פארגעליינט.

נאכן ליינען די קוויטלעך האט דער זון געזען, ווי דער טאטע גיבט דאס איבער פאר א אנדערן עלטערן איד א בעל צורה, און יענער האט דאס אויך פאר געליינט, אראפ גייענדיג פונעם ציון האט ער געפרעגט דעם טאטן, ווער דער איד איז געווען, האט אים די טאטע געזאגט, "קינד מיינס דאס איז געווען דער הייליגער סבא קדישא מראדושיץ זי"ע".

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון זיין הייליגען טאטן זי"ע און גאר אסאך תורה און עבודת השם האט ער מקבל געווען פון זיין הייליגען טאטן, אויך איז ער געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי מנחם מענדל השרף מקאצק זי"ע.

ער איז געווען באוויסט מיט זיין עבודה פון זיך אוועק געבן פאר עניני הכלל והפרט, ער איז אסאך ארום געפארן אין שטעט און דערפעער צו עוסק זיין אין דברי עסקניות לשם שמים און מפרסם געווען דעם באשעפער'ס נאמען אויף די וועלט.

ער האט זיך פאר א לאנגע צייט אויף געהאלטן אין ווארשא פאר שתדלנות, און דארט האט ער צוזאמען מיטן הייליגען חדושי הרי"ם מגור זי"ע און הגה"ק רבי אליהו חיים מייזל מלודז זי"ע לוחם געווען צו מבטל זיין דעם גזירות הלבוש וואס די ממשלה פון רוסלאנד האט ארויס געגעבן אויף די אידן.

אויך האט דער צדיק וקדוש גאר אסאך עוסק געווען און חתונה מאכן יתומים ויתומות און צוזאמען געשטעלט גאר גרויסע סכומים פאר צדקה וחסד, אויך איז ער געווען א גאון אין פדיון שיביים און ארויס געהאלפן אידישע קינדער זיך באפרייען פון די מיליטער, כדי צו קענען דינען דעם גרויסן באשעפער, ער איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע דרך אין ברענגען שלום בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו אויפן דרך פון אהרן הכהן ע"ה אוהב שלום ורודף שלום.

ער איז געווען מפורסם מיט זיין גרויסע עבודה פון אהבת ישראל מיט א שמחה דקדושה, וואס מיט דעם האט ער מקרב געווען טויזענטער אידן לאביהם שבשמים, אויך איז ער געווען באקאנט מיטן זיין גרויסע און הייליגע עבודה פון טרינקען א לחיים גאר גרויסע סכומים, אבער דער צדיק מיט זיין גרויסע קדושה און גוף קדוש האט אים די ברוינפען בכלל נישט איבער גענומען.

ער איז אסאך געפארן זיך מסתופף זיין בצלו פון די צדיקי הדור ובתוכם.

הרה"ק רבי יחזקאל טויב מקאזמיר זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל מרוז'ין זי"ע,
הרה"ק רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע,
הרה"ק רבי בונם מפשיסחא זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב אריה מראדזימין זי"ע,
הרה"ק בעל חידושי הרי"ם מגור זי"ע.

בשנת תקצ"ו האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת שרה לאה ע"ה,
בת הרה"ק רבי שמואל מפארציווא זי"ע.

בשנת תרי"ח ווען זיין רעבעצין איז ליידער נפטר געווארן, האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת חיה ע"ה,
בת הרה"ק רבי יעקב מזרניבצה זי"ע.

גאר יונג גלייך נאך זיין חתונה האט מען דעם צדיק אויף גענומען אלס רב אין שטאט גוברצוב, אויך האט ער געדינט אלס רב אין שטאט פשיסחא, אפאר יאר שפעטער איז ער געווארן רב אין שטאט גור נאך בעפאר דעם הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע.

שפעטער האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט אמשינוב, און דארט איז ער געבליבן ביז צו זיין הסתלקות, ער האט אין שטאט אמשינוב גאר אסאך עוסק געווען אין העלפן אידישע קינדער, ער האט ארויס געהאלפן די ארימעלייט און נצרכים און געזארגט אז עס זאל זיי גארנישט פעילן, אויך האט

ער מרביץ תורה געווען און אריין געברענגט אהבת השם אין די אידן, הונדערטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און געשעפט יראת שמים פון דעם צדיק וקדוש.

כ"ב ניסן אחרון של פסח בשנת תר"ח איז זיין טאטע זי"ע נסתלק געווארן, דאן האט מען אויף גענומען אלס ממלא מקום אין שטאט ווארקא דעם תלמיד פונעם טאטן הרה"ק רבי שרגא פייביל מגריצא זי"ע, אבער ליידער נאך א האלבע יאר שמיני עצרת בשנת תר"ט איז דער תלמיד רבי שרגא פייביל זי"ע נסתלק געווארן.

דאן האבן זיך די חסידים פונעם טאטן צוטיילט, א חלק זענען געבליבן ביים ברודער הרה"ק רבי ישראל יצחק מווארקא זי"ע, און א חלק זענען געגאנגען צום אנדערן ברודער הרה"ק רבי מנחם מענדל מווארקא זי"ע, אבער א גרויסע חלק זענען אריבער צום זון הרה"ק רבי יעקב דוד זי"ע, און דאן האט ער אפיציעל אויף געשטעלט זיין חסידות אמשינוב, טויזענטער אידן זענען דאן געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און זענען געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש, וואס איז צו געגאנגען מיט א אש קודש און א געוואלדיגע התלהבות דקדושה.

אין ספר שיח חסידים ווערט געברענגט, אז דער צדיק האט זיך אפאר חדשים נאכן טאטנ'ס פטירה אפגערעדט צו זיין רבין הרה"ק השרף מקאצק זי"ע, אז זיין טאטע האט זיך צו אים נאכנישט באוויזן אין חלום און ער האט פון דעם גרויס צער, יענע נאכט האט זיך דער טאטע צו אים באוויזן בדמות דיוקנו שטייענדיג ביי א טייך און באטראכט דעם וואסער.

ווען ער איז צוריק געקומען צו זיין רבין און דערציילט דעם מחזה, האט אים זיין רבי מסביר געווען וואס דאס האט געמיינט, ווייל ווי באוויסט האט דער טאטע הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע ביי זיין לעבן געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל און זיך באמת מצער געווען אויף צרות ישראל, דערפאר האט ער געזען דעם טאטן ביי א טייך, וואס דאס איז די טרערן פון אידישע קינדער, ווייל דער טאטע ארבעט נאך מעולם העליון צו העלפן אידישע קינדער מיט ישועות.

ליידער האט דער צדיק וקדוש גאר אסאך מיט געמאכט מיט צער גידול בנים ווען ער האט ליידער בחייו פארלוירען 13 קינדער יונגערהייט, אבער אויפן צדיק האט מען בכלל נישט געזען קיין צובראכענקייט, נאר ער האט דאס אלעס מקבל געווען באהבה און געדינט דעם גרויסן באשעפער מיט א שמחה און התלהבות, ער האט אין יעדן איינעם וואס איז געשטאנען נעבן אים אריין געברענגט א שמחה און א התרגשות דקדושה.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

בתו הצדקת חיה פייגא ע"ה, אשת הרה"ק רבי ירחמיאל יהודה מאיר רבינוביץ מפשיסחה זי"ע, בן הרה"ק רבי יעקב יצחק אלחנן מפשיסחה זי"ע,
הרה"ק רבי מנחם קאליש מאמשינוב זי"ע, ממלא מקום אביו, חתן הרה"ק רבי שמואל משה אלברשטיין מביאלה זי"ע,
הרה"ק רבי ישעיהו מפשיסחה זי"ע, חתן גיסו הרה"ק רבי ירחמיאל יהודה מאיר מפשיסחה זי"ע,
הרה"ק רבי ירמיהו מאופולה זי"ע.

ווערט דערציילט אז ווען די רבי איז נסתלק געווארן, איז דער זון דער ממלא מקום הרה"ק רבי מנחם זי"ע נאך געווען אינטער 20 יאר אלט, און די חסידים פונעם רבין זענען געווען דורך געווייקטע חסידים, און האבן נישט גלייך איינגעזען דעם גדלות פונעם הייליגען זון, דערפאר האבן נישט אלע גלייך מקבל מרות געווען פונעם זון.

אבער ביים ערשטן יארצייט פונעם טאטן, האט דער זון געזאגט דברי תורה אויפן פסוק וואס שטייט אויף משה רבינו ע"ה, (דברים ל"ד ו') וְלֹא יָדַע אִישׁ אֶת קְבֻרָתוֹ עַד הַיּוֹם הַזֶּה, לכאורה פארוואס האט משה רבינו ע"ה נישט געוואלט מען זאל וויסן ווי ער ליגט.

נאר משה רבינו ע"ה האט געוויסט, אז אויב וועט מען וויסן ווי ער ליגט, וועלן אידישע קינדער זיך נישט וועלן מדבק זיין אין דעם ממלא מקום יהושע בן נון ע"ה, ווייל מען וועט דאך קענען גיין צו זיין ציון און דארט פועלן אלעס, דערפאר האט משה רבינו ע"ה געבעטן פונעם באשעפער, אז מען זאל נישט וויסן ווי ער ליגט, כדי מען זאל מקבל מרות זיין פון יהושע בן נון, דאן האבן די חסידים שוין גאר גוט פארשטאנען וואס דער זון זאגט, און אלע האבן דעם זון אויף גענומען אלס רבי.

א קליין חלק פון זיינע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אין די ספרים,
אהל יצחק,
בית יצחק,
יד דוד.

די געהויבענע חסידים וואס האבן זיך אפ געגעבן מיט גוף קדוש ביי די טהרה האבן דערציילט, א מחזה נורא וואס זיי האבן געזען, ווי באקאנט איז דער צדיק נסתלק געווארן אין שטאט המרפא אין איטליא, און די וועג ביז קיין אמשינוב האט גענומען 5 טאג, אבער די וואס האבן זיך אפגעגעבן מיט די טהרה און קבורה פונעם צדיק האבן מעיד געווען, אז אפילו פארנדיג 5 טאג איז דער גוף קדוש פונעם צדיק געווען פריש כאילו ער איז ממש יעצט נפטר געווארן לא הסריח בשר הקודש מעולם.

נסתלק לגנזי מרומים שבת קודש פרשת תולדות ד' כסלו בשנת תרל"ח, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט אמשינוב.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**ווען די רוסן האבן גוזר געווען** אז אידן דארפן זיך ח"ו אפשערן די בארד און פיאות, איז רבי יעקב דוד געגאנגען צוזאמען מיט רבי אליהו חיים מייזל, דעמאלסט דער לאמזשער רב ערב שבועות, צום פוילישן פירשט, וואס איז געווען דער הערשער פון ווארשא

אונטער דער רוסישער רעגירונג, צו פועל'ן אז מען זאל די גזרה מבטל זיין, אונטערוועגס האט רבי יעקב דוד געזאגט, "טאמער וועט דער הערשער צו אונז רעדן אויפן דייטשן שפראך און נישט רוסיש, איז דאס א סימן אז השי"ת וועט אונז געבן הצלחה", כך הוה, דער הערשער פון ווארשא האט טאקע גערעדט אין דייטש.

למעשה האט דער הערשער זיי געזאגט, אז ער איז נאר א רוזין (אזוי ווי א גובנאטאר געשטעלט מטעם די רעגירונג) און ער קען גארנישט טוהן, וויבאלד די גזירה קומט פון פעטערבורג (רוסלאנד), דער צדיק וקדוש רבי יעקב דוד האט אים אבער נישט אפ געלאזט, האט דער הערשער געזאגט צום צדיק רבי יעקב דוד, אז ער האט מער נישט קיין צייט פאר אים, און ער מוז גיין, דער צדיק וקדוש רבי יעקב דוד האט מיט א מסירת נפש ממש אים אן געכאפט ביים ארבל, און נישט געלאזט גיין און געוויינט מיט שרעקליכע יללות, ס'איז באמת געווען פארבינדן מיט סכנות נפשות, ס'איז געווען בגדר מורד במלכות!.

ווען די ווייב פון דעם הערשער האט געהערט די שרעקליכע יללות, און זי געקומען צו לויפן, זי קומט אריין אין שטוב און זעהט א מאדנע בילד, זי זעט ווי אן עלטערע איד כאפט אן פעסט איר מאן'ס ארבעל און וויינט ביטערליך, רופט זי זיך אן וואס גייט דא פאר, דער מאן דער הערשער האט איר פארציילט, אז ער איז געקומען בעטן מבטל צו זיין די גזירה אז אידן זאלן דארפן אפשערן די בארד און פיאות, און איך האב אים געזאגט אז אין בין נאר א רוזין און ער ברויך פארן פאר דעם קיין פעטערבורג.

רופט זי זיך אן, אז איינער איז גרייט אויף מסירת נפש און וויינט אזוי פון טיפן הארצן, מיינט ער עס זיכער באמת און ערענסט, און זי האט זיך ממש געבעטן צו איר מאן, ער זאל נאכגעבן פארן צדיק רבי יעקב דוד, און דבריה עשתה רושם, און ער האט לשמחת כל בית ישראל מבטל געווען די גזירה.

אויפן וועג אהיים איז דער צדיק געגאנגען פרייליך און געדאנקט דעם באשעפער, אז ער האט ב"ה מצליח געווען צו מבטל זיין די גזירה, און דער צדיק האט געזאגט, אז די גאנצע צייט וואס ער האט אן געכאפט דעם ארבל פונעם רוזין, האט ער געזען דעם געשטאלט פון זיין הייליגען טאטן רבי יצחק מווארקא זי"ע, און די טאטע האט די גאנצע צייט מיר געזאגט, לאז נישט אפ דעם רוזין, ווייל די וועסט אי"ה מצליח זיין צו פויעלען ביי אים צו מבטל זיין די גזירה, און דאס האט מיר געגעבן דעם כוח נישט אויף צו געבן, אויך האט דער צדיק צו געלייגט, אלע צדיקים זענען יעצט ערב שבועות פארנומען צו לערנען תורה לכבוד דעם יו"ט שבועות, אבער מיר האבן דא געראטעוועט די תורה.

**דער צדיק רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע** האט אמאל געזאגט, אז ווער עס וויל זיין א רבי ברויך געדענקען דריי זאכן.

**א.** ווען מען זיצט אויף די כסאו רבנות, ברויך מען זיך פאר שטעלן כאילו מען זיצט אויף נאדלער.
**ב.** בעפאר מען לייגט א קוויטעל ברויך מען שוין וויסן וואס עס שטייט אינעם קוויטעל.
**ג.** בשעת ווען מען לייגט א קוויטעל זאל מען מרגיש זיין אינעם צרה פון דעם איד וואס האט געגעבן דעם קוויטעל, כאילו עס איז דיין אייגענע צרה.
**אויב האט מען די דריי זאכן קען מען זיין א רבי.**

**ווי באקאנט האט דער צדיק רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע** ליידער בחייו פארלוירען 13 קינדער און געלעבט זיין גאנץ לעבן מיט שרעקליכע צער גידול בנים, אבער דער צדיק האט געלעבט זיין גאנץ לעבן מיט א געוואלדיגע שמחה און אמונה און בטחון אינעם גרויסן באשעפער, דערציילט הרה"ח רבי משה בוים ע"ה, אז ער האט נאך זוכה געווען זייענדיג גאר יונג צו זעהן די צורה פונעם צדיק רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע שוין אויף די עלטערע יארן, און דער צדיק האט געהאט א שווארצע בארד און כמעט נישט געהאט קיין ווייסע האר, אפילו מיט מאכענדיג אזוי פיל צער בחייו.

**ווי באקאנט איז דער צדיק וקדוש רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע** געווען זייער קראנק סוף ימיו, און ממש בעפאר זיין פטירה איז דער צדיק געפארן קיין מיראן איטליה פאר צרכי רפואה, דער צדיק איז שוין דאן געווען גאר שוואך און די דאקטורים האבן געהאט אויף געגעבן אויפן צדיק,

האבן די מקורבים פראבירט אפ צו רעדן דעם רבין פון פארן קיין איטליה, וויבאלד מען האט נישט געוואלט ער זאל דארט נסתלק ווערן וואס איז גאר ווייט פון אמשינוב, האט דער צדיק דאן געזאגט פאר די מקורבים בזה"ל, "עטץ ווייסט נישט וויפיל טויזענטער נשמות ווארטן דארט אויף מיר", און דער צדיק אפילו זייעדנדיג ליידער מלא יסורים, האט ער דאך אינזין געהאט א אידישע נשמה וואס ברויך א תיקון.

**ווי באקאנט איז דער צדיק מאמשינוב זי"ע** געווען פון די גרויסע חסידים און תלמידים פונעם הייליגען חידושי הרי"ם מגור זי"ע, ווי באקאנט האט דער צדיק דער חידושי הרי"ם געהאט א מנהג, אז ביי שלש סעודות האט מען נישט געגעסן קיין פיש, איין שבת קודש איז דער תלמיד רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע געווען אויף א שבת ביי זיין רבין אין גור.

האט דער תלמיד מאמשינוב געזאגט שטילערהייט פאר איינע פון די חסידים ביים טיש שלש סעודות, אז ער פירט זיך ביי זיך אין שטאט, אז ער עסט פיש ביי שלש סעודות, לפלא גלייך נאכדעם האט דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע געהייסן פאר זיין גבאי, אז מען זאל אריין ברענגען פיש לכבוד שלש סעודות, און דער צדיק דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע האט משנה געווען זיין מנהג קודש נאר לכבוד זיין גרויסן תלמיד רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע.

**ווי באקאנט האט דער צדיק וקדוש רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע** זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה און פרישות, דער צדיק איז כמעט נישט געשלאפן, אבער דאס ביסל וואס דער צדיק איז יא געשלאפן, פלעגט ער יעדע 15 מינוט אדער א האלבע שעה זיך אויף וועקן, און דער גבאי האט אים געגעבן וואסער זיך צו וואשן די הענט, און נאכדעם איז דער צדיק אמאל אויף געשטאנען אפילו נאר האבענדיג געשלאפן ממש אביסל, אדער האט זיך דער צדיק אביסל צוריק געלייגט, אבער דאס גאנצע שלאף איז געווען מיט א קדושה און ווי דער פסוק זאגט (שיר השירים ה' ב') אֲנִי יְשֵׁנָה וְלִבִּי עֵר.

**דאס מסירת נפש פון דעם צדיק וקדוש רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע** פאר א אנדערן איד קען מען זעהן פון די מעשה,

איין טאג האט זיך דער צדיק וקדוש געגרייט צו שחרית און שוין געהאט דעם טלית אויף די אקסלען, איז געקומען א זובראכענע פרוי און געוואלט אריין גיין צום רבין זיך מזכיר זיין, אבער דער גבאי ר' הערשל האט די פרוי נישט געוואלט אריין לאזן, וויבאלד דער צדיק האט שוין געהאלטן ביים אנהייבן דאווענען, האט די פרוי אנגעהויבן זייער וויינען און איז ארויס פון שטוב פונעם צדיק.

אבער וויבאלד דער צדיק מיט זיין ווייער הארץ און מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל האט געהערט איינעם וויינען, האט ער געריפן דעם גבאי'ן און געפרעגט ווער עס וויינט, האט דער גבאי דערציילט, אז א פרוי האט געוואלט אריין קומען צום רבין, אבער וויבאלד די רבי האלט שוין ביים דאווענען, האט ער נישט געלאזט די פרוי אריין קומען, האט דער צדיק געזאגט, ווי אזוי קענסטו לאזן א צובראכענע פרוי וואס וויינט אוועק גיין, און דער צדיק האט געהייסן מען זאל די פרוי שוין צוריק ריפן.

און די פרוי האט דערציילט פארן רבין, אז ליידער האט זיך איר מאן צו געכאפט צום ביטערן טראפ און ער שיכור'ט, און וויבאלד עס איז ליידער נישט דא קיין פרנסה אין שטוב, פייניגט דער מאן איר זייער, ווייל זי האט א ברודער א עושר וואס וואוינט אין פראג, און דער מאן וויל זי זאל גיין און בעטן געלט פון איר ברודער, אבער וואס זאל זי טון אז דער ברודער וויל מער נישט געבן קיין געלט, וויבאלד ער ווייסט אז מיין מאן ניצט דאס געלט צו קויפן ברוינפען, און זי וויינט פארן רבין אז זי ווייסט מער נישט וואס צו טון.

דער צדיק וקדוש האט אראפ גענומען דעם טלית פון די אקסלען, און האט גלייך געבעטן דעם גבאי'ן, אז ער זאל מיט אים יעצט שוין פארן קיין פראג צום ברודער פון די פרוי, און אזוי נאך בעפארן דאווענען איז דער צדיק אריבער געפארן קיין פראג, פארשטייט זיך אז דער עושר האט אויף גענומען דעם צדיק מיט גרויס כבוד און מכבד געווען מיט א ווארעמע טיי, אבער דער צדיק האט נישט געוואלט טרינקען נאר האט געבעטן דעם עושר זיך צו זעצן ווייל ער האט עפעס זייער וויכטיג צו רעדן מיט אים.

דאן האט דער צדיק געבעטן דעם עושר, אז ער זאל צוריק אנהייבן שיקן געלט פארן שוועסטער, און דער צדיק האט גענומען אויף זיך, אז ער וועט ערלעדיגען אז דער מאן זאל אויף הערן טרינקען, אבער דער עושר זאל ווייטער שיקן דאס געלט פארן שוועסטער, און נאכדעם האט דער צדיק לכבודו פונעם עושר געטרינקען דעם טיי אפילו ער האט נאך געהאלטן בעפארן דאווענען שחרית, און ווען דער צדיק איז צוריק אנגעקומען קיין אמשינוב, איז שוין געווען שפעט נאכמיטאג ממש בעפארן זמן מעריב, און דאן האט דער צדיק געדאווענט שחרית, און דאס אלעס האט דער צדיק געטון מיט א שמחה אז ער קען א טובה טון פאר א אנדערע איד.

**הרה"ק רבי ישראל מפילוב זי"ע** א זוהן פון הרה"ק רבי דוד'ל מקאצק זי"ע, האט געהאט גרויס חשק זיך משדך צו זיין מיט הרה"ק רבי ישעי' מפשיסחא זי"ע א זוהן פונעם צדיק וקדוש רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע, און ווען די שידוך האט זיך נישט צוליב כמה סיבות אויס געארבעט, האט דער צדיק רבי ישראל מפילוב געהאט גרויסע חלישות הדעת, און ער האט געזאגט פאר זיינע מקורבים, די סיבה פארוואס ער האט זיך זייער געוואלט משדך זיין מיטן צדיק מאמשינוב.

ווייל איינמאל איז דער צדיק מאמשינוב געווען ביי א שבע ברכות אין שטאט קאצק, און ווי זיין מנהג קדוש האט דער צדיק געקענט טרינקען גאר גרויסע סכומים ברוינפען אן דעם וואס עס זאל אויף אים אפילו האבן א השפעה, פארשטייט זיך אז דער צדיק האט דאס געטון מיט גאר גרויסע כוונות, אבער דאן אין קאצק האט דער צדיק געטרינקען ממש גרויסע סכומים וואס איז געווען ממש נישט מכוח האנישי.

האט דערציילט דער צדיק מפילוב, אז נאכן טרינקען אזא גרויסע סכום, האט דער צדיק פאר א גאר לאנגע צייט געפראוועט אידן, און מען האט אויפן צדיק בכלל נישט געזעהן אז ער האט געטרינקען אזויפיל ברוינפען, און מען האט אויפן צדיק ממש געזעהן בפועל, "יין קשה פחד מפיגו", ווייל די פחד פונעם גרויסן בורא עולם איז ביי דעם צדיק געווען גאר גרויס.

**אין שטאט ווישיגרוד האט געוואוינט א איד ר' אברהם**, וואס איז געווען פון די נגידים פון שטאט, ער האט געהאט גרויסע פעלדער ווי ער האט געפלאנצט ווייץ, יעדעס יאר האט דער חסיד געדאווענט און געבעטן ביים באשעפער, אז די פעלדער זאלן מצליח זיין.

יעדעס יאר האט דער חסיד ר' אברהם גאר שיין מצליח געווען, וויבאלד עס זענען געוואקסן גאר שיינע ווייץ ביי זיין פעלד און גרויסע סוחרים האבן דווקא ביי אים געקויפט ווייץ ברווח גדול, אויך האט דער חסיד געהאט א גאר שיינע מנהג, אז ער האט גאר אסאך פון די ווייץ אוועק געטיילט פאר ארימעלייט און נצרכים אן נעמען קיין פרוטה דערפאר, און אזוי האט דער חסיד זיך געפירט יאר איין און יאר אויס.

איין יאר האט געהערשט א געפערליכע טריקעניש, און עס האט זייער נישט גוט אויס געזעהן די מצב, ווייל אן קיין רעגן האבן די פעלדער נישט געקענט וואקסן, דער חסיד האט באמת נישט געוויסט וואס ער זאל טון, ווייל דאס האט געמיינט א גאר גרויסע שאדן, אויך האט דעם חסיד באמת וויי געטון, אז ער וועט נישט קענען געבן די ווייץ און מעהל וואס ער געט יעדעס יאר פאר די נצרכים.

איינע פון זיינע פריינט וואס איז געווען א גרויסע חסיד פונעם צדיק הרה"ק רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע, האט ער גע'עצה'ט דעם ר' אברהם, אז ער זאל אריבער גיין צום הייליגען צדיק מאמשינוב זי"ע, אנפאנג האט ר' אברהם נישט געוואלט גיין, וויבאלד ער האט נישט געקענט דעם צדיק, אבער נאך א שטיק צייט האט ער געזען, אז ער האט במילא נישט וואס צו פארלירן, איז ר' אברהם אריבער קיין אמשינוב צום רבין.

אנקומענדיג צום רבין האט ער געזען גאר אסאך אידן שטיין אינדרויסן פונעם שטוב, ווען ער האט געפרעגט וואס עס גייט דא פאר, האט מען אים געזאגט, אז דער צדיק נעמט היינט נישט אויף קיינעם און דער צדיק האט אנגעזאגט, אז מען זאל קיינעם נישט אריין לאזן, נאר אויב איינער קומט מיט א שאלה בהלכה דאן זאל מען יא אריין לאזן.

ר׳ אברהם האט ביי זיך געטראכט, וואס ער זאל דא טון, איז אים איין געפאלן א עצה, ער איז אריבער צום שוחט פון שטאט, און געבעטן אז ער זאל אים שחט׳ן א הינדל, דאן האט ער גענומען דעם הינדל און אריבער צום צדיק אין שטוב, אזוי ווי מען האט געזען א איד מיט א הינדל, האט מען זיך פאר געשטעלט אז ער האט א שאלה בהלכה, און מען האט אים אריין געלאזט צום צדיק.

ווען ער איז אריין געקומען, האט ער דערציילט דעם רבין פון זיין צרה, אז ער האלט דא ביים פארלירן דאס גאנצע געלט פארן יאר, אויך האט ער דערציילט פארן רבין וויפיל ער געט יעדעס יאר פאר נצרכים, און די אלע אידן פארלאזן זיך אויף אים צו קענען מפרנס זיין זייער משפחה, און דערפאר בעט ער דעם צדיק אז ער זאל אים העלפן מיט דעם צרה.

ווען דער צדיק האט געהערט די ווערטער פון ר׳ אברהם, און וויפיל צדקה ער געט אוועק פון זיינע פעלדער, האט אים דער צדיק מאמשינוב זי״ע געזאגט, אויב די בוסט מקיים מצות צדקה מיט דיינע ווייץ, דאן בין איך זיכער אז די וועסט נישט שאדן האבן דעם יאר אויך, ווייל דער באשעפער האט זיכער הנאה פון דיין צדקה, און ער וועט דיר העלפן צו האבן דעם יאר אויך א גרויסע הצלחה.

דאן איז דער צדיק מאמשינוב צו געגאנגען צום פענסטער, און ארויס געקוקט פאר א קורצע צייט, און דאן האט אים דער צדיק געגעבן א ברכה און געהייסן גיי אהיים לחיים ולשלום און נישט דאגה׳ן, ווייל בעזרת השי״ת וועט אראפ קומען גאר אסאך רעגן און די וועסט קענען ממשיך זיין מיט דיין צדקה וחסד.

ר׳ אברהם איז אהיים שמח וטוב לב און מיט זיין גרויס אמונה געגלייבט, אז די ברכה פונעם צדיק וועט זיכער מקויים ווערן און ער וועט געהאלפן ווערן, ווען ער איז צוריק געקומען צו זיין שטאט וישיגרוד, האט ער לפלא געזען אז די פעלדער זענען נאס כאילו עס איז ממש יעצט אראפ א רעגן, ער איז אזוי ארום געגאנגען צווישן זיינע פעלדער און געזען אז אלע פעלדער זענען נאס פון רעגן.

אזוי ארום גייענדיג טרעפט אים א גוי פונעם שטאט, און ר׳ אברהם פרעגט דעם גוי, האט דא אין שטאט אפשר גערעגנט, זאגט דער גוי, ר׳ אברהם איר זענט אויפן קאפ געפאלן, דא אין שטאט האט שוין נישט גערעגנט די גאנצע יאר, אבער קוקט גוט וועט איר זעהן, אז אויף אלע אייערע פעלדער איז אראפ געקומען רעגן, אבער אויף די פעלדער ממש נעבן אייערע פעלדער איז אפילו א טראפ וואסער נישט אראפ געקומען.

די מעשה איז גלייך ארויס אין שטאט, און אפילו די גוים האבן געמיזט מודה זיין, אז דער הייליגער צדיק מאמשינוב זי״ע האט א גרויסן כח, ווען דער איד איז צוריק צום רבין און דערציילט דעם גרויסן נס,

האט דער צדיק מיט זיין גרויסע עניוות געזאגט, ר׳ אברהם פארוואס וואונדערט איר זיך אזוי, עס שטייט דאך (תהלים ס״ח י׳) גֶּשֶׁם נְדָבוֹת תָּנִיף אֱלֹקִים נַחֲלָתְךָ, ווען א איד איז מקיים מיט זיין געלט צדקה וחסד פאר אנדערע אידן, דאן שיקט דער באשעפער א שפע, כדי דער איד זאל ווייטער קענען מקיים זיין דעם מצווה, פארשטייט זיך אז ר׳ אברהם איז שוין געבליבן א גרויסע חסיד פונעם הייליגען צדיק מאמשינוב זי״ע און גאר אסאך געשטיצט דעם צדיק.

**יארצייט**
**דינסטאג ה' כסלו**

**הרה"ק מופת הדור רבי אשר אנשיל ב"ר שמואל הלוי זי"ע,**
**(יונגרייז),**
**בעל מנוחת אשר, מטשענגער,**

ער איז געבוירן אין שטאט סעטשע אונגארן, כ"ו שבט בשנת תקס"ו.

צו זיין טאטן הגה"ק רבי שמואל הלוי יונגרייז בעל תורת עדות אב"ד סעטשע זי"ע,
בן הגה"ק רבי יצחק הלוי מפאפא זי"ע.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת מרים יטל ע"ה,
בת הגה"ק רבי אשר אנשיל ווינער אב"ד מישקאלץ זי"ע, (מגדולי תלמידי הגה"ק רבי יונתן אייבשיץ זי"ע),
בן הגה"ק רבי שמעון זי"ע,
בן הגה"ק רבי אברהם מפראג זי"ע,
בן הגה"ק רבי זלמן מפאססעלבורג זי"ע,
בן הגה"ק רבי אשר אנשיל ווינער (שפירא) ראב"ד פראג זי"ע,
בן הקצין רבי יחיאל מיכל שפירא מוויען זי"ע,
חתן הגה"ק רבי אלעזר מענדל פאנטא אב"ד ניקלשבורג זי"ע.

ער איז געווען א גאון עולם און פון די גרעסטע גדולים בתורה בדורו, ער איז געווען א איש אלוקים קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מקובל אלוקי און א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען מפורסם אלס דער מופת הדור און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ובפרט בעניני רפואה, טויזנטער אידן זענען דורך דעם צדיק וקדוש געהאלפן געווארן מיט ישועות למעלה מדרך הטבע, און עד היום דערציילן אידן מעשיות פון ישועות וואס מען האט געזען ביים ציון קדשו פון דעם צדיק וקדוש.

די זיידע הגה"ק רבי אשר אנשיל ממישקאלץ זי"ע איז געווען א אייניקל פון הגה"ק רבי שמשון ווערטהיימער מוויען זי"ע און א אייניקל פון הגה"ק רבי מרדכי יפה בעל הלבושים זי"ע, און דער אייניקעל דער הייליגער מנוחת אשר האט געהייסן נאך דעם הייליגען זיידן.

אין ספר אנשי מופת ווערט דערציילט א מעשה נורא, פארוואס דער טאטע הגה"ק רבי שמואל הלוי אב"ד סעטשע זי"ע האט זיך אנגעהויבן ריפן מיטן נאמען יונגרייז, און דאס איז געווען ווייל די זיידע הגה"ק רבי אשר אנשיל ראב"ד פראג זי"ע איז געווען א איד מיט א גאר שיינע צורה עד להפליא, איין טאג האבן די אנשי פראג געברויכט שיקן א דעפעטאציאן צו די ממשלה אין שטאט וויען, האבן זיי געשיקט דעם זיידן רבי אשר אנשיל זי"ע.

אנקומענדיג דארט אין שטאט וויען איז דער צדיק וקדוש אויס געשטאנען פאר אן עבירה חמורה, און בלית ברירה כדי ח"ו נישט צו נכשל ווערן מיט די עבירה, איז דער צדיק וקדוש אריין געשפרינגען אינעם קאנאל פון שטאט, און בדרך נס גדול איז דער צדיק אנגעקומען קיין דאנא, און פון דארט האט ער געכאפט א שיף קיין פרעסבורג.

דאן האט מען דעם גאון גע'עצה'ט, אז ער זאל טוישן זיין נאמען כדי מען זאל נישט וויסן ווער ער איז, ער האט זיך דאן געריפן מיטן נאמען "בן פורת" וועגן די מעשה וואס ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון אזוי ווי יוסף הצדיק ע"ה, און ווי דער אבן עזרא זאגט אז די ווארט בן פורת איז פון די לשון "ותשלח פארות" וואס איז א לשון "ענף" א צווייגיל, דאן האט ער גענומען דעם נאמען "יונגצווייגיל" און פון דעם איז געווארן יונגרייזיל, און סוף האט מען זיך געריפן "יונגרייז".

פון אלס קינד איז ער געווען א תלמיד מובהק פון זיין גרויסן טאטן וואס איז געווען א גאון מפורסם, און גאר אסאך פון זיין תורה און קדושה האט ער קונה געווען פון זיין הייליגע טאטע זי"ע.

ביי די 13 יאג איז ער געפארן לערנען אין שטאט באלשא דיארמאט ביי הגה"ק רבי מאיר אייזנשטאט בעל מהר"ם א"ש אב"ד אונגוואר זי"ע, און דארט איז דער גאון מטשענגער געווען פון די גרעסטע תלמידים, ער איז שוין דאן געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה וקדושה.

דאס חשיבות וואס דער תלמיד דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע האט געהאט ביי זיין רבין קען מען זעהן, ווי זיין גרויסע רבי דער מהר"ם א"ש זי"ע שרייבט אין א בריוו צום תלמיד בזה"ל, "**כבוד ידידי הרב המופלא עושה פלא**", וואס איז באמת א וואונדער, וויבאלד זיין רבי דער הייליגער מהר"ם א"ש זי"ע האט אויף קיינעם נישט געזאגט אזא טיטול און איז געווען אסאך עלטער ווי דעם תלמיד, מיט דעם אלעם האט ער אבער געזעהן אין דעם גאון א "**ידיד הרב המופלא עושה פלא**" און בכלל נישט אלס א תלמיד זיינער, ווייל ער האט באמת געהאלטן אז דער תלמיד האט אים אסאך איבער געשטיגן.

נאך צוויי יאר איז דער גאון אריבער לערנען קיין ווערבוי אין די ישיבה פון הגה"ק רבי יעקב קופל בעל חידושי יעב"ץ אלטנקושטט זי"ע הנקרא ר' קאפיל חריף זי"ע, דארט האט דער גאון געלערנט פאר פינעף יאר מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך דארט איז דער גאון געווען פון די גרעסטע תלמידים אין ישיבה.

דער זון פון זיין רבי הגה"ק רבי אברהם יחזקאל רייך זי"ע האט מעיד געווען אויף די געוואלדיגע התמדת התורה פון דעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע, אז די צייט וואן ער האט געלערנט אין ישיבה פונעם טאטן אין ווערבוי, פלעגט ער בקביעות זיך מסגף זיין און פאסטן פון מוצאי שבת קודש ביז דינסטאג ביינאכט און דאן האט ער געהארעוועט אויף תורה ברציפות און זיך נאר אפ געשטעלט פארן דאווענען דריי מאל א טאג.

דער אידעם הגה"ק רבי יהושע ברוך רייניץ אבד"ק טשעטשאוויץ זי"ע האט מספיד געווען דעם שווער, און בתוך הדברים האט ער געזאגט בזה"ל, "כמעט א דריטל פון זיין לעבן האט ער אפ געראכטן מיט תעניתים, אסאך מאל האט זיך געקענט מאכן, אז דער שווער האט געפאסט גאנצע טעג און נאר טועם געווען ביינאכט און צוריק לערנען מיט א געוואלדיגע התמדה די גאנצע נאכט".

ווערט דערציילט אז יענע צייט האט דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע אלס בחור געשריבן א שווערע שאלה צו הגה"ק רבי מאיר מאלמאש זי"ע, און וואן ער האט באקומען דעם תשובה, איז ער זייער נתפעל געווארן פונעם גאונות, און אויך האט ער געהערט אז אינעם ישיבה פון רבי מאיר איז דא מער א רחוות, וויבאלד דער גאון איז געווען א עושר, האט דער הייליגער מנוחת

אשר אפ געמאכט צו פארן קיין אלמאש און דארט גיין לערנען אינעם ישיבה פונעם גאון רבי מאיר מאלמאש זי״ע.

אויפן וועג האט דער הייליגער מנוחת אשר געטראפן א בחור וואס האט געהאט א שליחות א בריוו פון דעם הייליגען חתם סופר זי״ע צום גאון רבי מאיר מאלמאש זי״ע, און ווען דער בחור האט געהערט אז דער מנוחת אשר איז סיי ווי אויפן וועג קיין אלמאש, האט ער אים איבער געגעבן דעם בריוו, אז ער זאל דאס טראגן צום גאון רבי מאיר זי״ע.

ווען דער מנוחת אשר איז אנגעקומען אין שטאט אלמאש, איז ער גלייך געגאנגען צום גאון רבי מאיר כדי צו זען אויב ער וועט אים אן נעמען ביי זיך אין ישיבה, דער גאון האט גערעדט צום מנוחת אשר, און גלייך געזען אז דא רעדט זיך פון א בחור א גאון וגדול בתורה, און פארשטייט זיך אז ער האט אים גלייך מקבל געווען אין די ישיבה.

ווען דער מנוחת אשר איז ארויס פונעם שטוב, האט ער זיך דערמאנט אז ער האט ביי זיך א בריוו פונעם חתם סופר זי״ע פארן גאון רבי מאיר, איז ער צוריק אריין צום גאון און איבער געגעבן דעם בריוו, דער גאון האט זיך זייער געוואונדערט פון ווי ער האט א בריוו פונעם חתם סופר פון פרעשבורג ווען ער קומט דאך פון ווערבוי, האט אים דער מנוחת אשר דערציילט די גאנצע מעשה ווי דער בחור האט אים איבער געגעבן דעם שליחות.

לפלא ווען דער גאון רבי מאיר האט אויף געמאכט דעם בריוו, איז דארט געשטאנען א תשובה פונעם הייליגען חתם סופר בזה״ל, ״**המוסר כתב זה הוא תלמיד חכם גדול ומושלם בכל המעלות, זה הוא ראוי להיות חתנך, וכשיראה לך מכתב הזה תוכל לגמור את השידוך בשעה טובה ומוצלחת**״, וואס דאס איז געווען א תשובה אויף א בריוו וואס דער גאון האט געהאט געשיקט א שטיק צייט צוריק צום חתם סופר זי״ע, בעטענדיג אז דער חתם סופר זאל זיכן א בחור כהלכה פאר זיין טאכטער.

דער גאון האט גלייך געפרעגט דעם מנוחת אשר אויב ער איז מסכים צום שידוך, ווייל מען קען זען א מד׳ יצא הדבר מיט דעם וואונדערליכן השגחה פרטיות, אז דער אנדערער בחור האט אים איבער געגעבן דעם בריוו, מען האט דאן געפרעגט די עלטערן פונעם מנוחת אשר לגבי דעם שידוך, און פארשטייט זיך אז זיי האבן צו דעם מסכים געווען.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת ניחא ע״ה,
בת הגה״ק רבי מאיר פאפער מאלמאש זי״ע, (תלמיד חביב פון הגה״ק רבי יוסף אב״ד פוזנא זי״ע וואס איז געווען א איידעם ביי הגה״ק בעל נודע ביהודה זי״ע).

נאך די חתונה איז דער גאון געזעצן על שולחן חמיו פאר 5 יאר, ער האט דאן עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער האט זיך דאן גאר אסאך מסגף געווען בתענית וסיגופים, ער איז געווען אינגאנצן אויס געטון מעולם הגשמי און נאר געלעגן אין תורה ועבודת השם.

דאן איז דער צדיק וקדוש געווארן גאר נאנט מיט הגה״ק רבי שמואל שמעלקא בעל צרור החיים מסעליש זי״ע, וואס האט אויך דאן חתונה געהאט אין שטאט אלמאש, די צוויי גדולים בתורה האבן צוזאמען גאר אסאך געלערנט און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה,

עס איז געבליבן א גאר שטארקע קשר צווישן זיי אפילו יארן שפעטער, און דער גאון רבי שמעלקא מסעליש זי״ע האט זיך אמאל אויס געדריקט אויף זיין חבר און ידיד מטשענגער זי״ע, ״**אז ער איז דער גרעסטער מקובל אין אונגארין**״.

אויך איז ער דאן נתקרב געווארן מיט הגה״ק רבי משה סופר בעל החתם סופר זי״ע, און דער הייליגער חתם סופר האט דעם הייליגען מנוחת אשר זי״ע גאר שטארק מעריך געווען און מקרב געווען, און צוליב זיין גרויס חביבות און וויסענדיג זיין גדלות בתורה, האט דער חתם סופר אפילו געבעטן דעם מנוחת אשר אז ער זאל בלייבן ביי אים אין פרשבורג העלפן שרייבן זיינע תשובות, אבער עס איז נישט צושטאנד געקומען.

בשנת תקצ״ד האט דער הייליגער מנוחת אשר זי״ע געלעבט אין א שרעקליכע דחקות און געלערנט תורה מתוך הדחק, און בלית ברירה האט ער מסכים געווען צו נעמען דאס רבנות אין שטאט טשענגער, נאכדעם וואס דער פריערדיגער רב הגה״ק רבי יהונתן בנימין אסטרייכער זי״ע איז נסתלק געווארן, דארט אין שטאט טשענגער האט דער גאון געדינט אלס רב און ראש ישיבה פאר 40 יאר ביז צו זיין הסתלקות.

מיטן אנקום פון דעם גרויסן גאון אין טשענגער, איז דער שטאט געווארן א עיר ואם בישראל, גאר שנעל איז דער גאון נתפרסם געווארן אין גאנץ אונגארן, אידן פון אלע שטעט זענען געקומען צו דעם גרויסן גאון מיט גאר שווערע שאלות און אויך צו נעמען ברכות און פוילען ישועות.

ער איז שוין דאן פארעכנט געווארן צווישן די גרעסטע פוסקים בהלכה, אויך האט ער דארט אין שטאט אויף געשטעלט זיין ישיבה וואס איז כסדר באשטאנען פון גרויסע גדולים, וויבאלד מען האט דארט געלערנט תורה אויף א גאר הויכע פארנעם, די ישיבה איז גאר שנעל באוויסט געווארן פון די גרעסטע ישיבות אין גאנץ אונגארן באיכות אבער נישט בכמות, ווייל נאר גאר גרויסע גאונים האבן געקענט מיט האלטן דעם דרך הלימוד, גרויסע גדולי הדור זענען פון זיין ישיבה ארויס געקומען ובתוכם.

הרה״ק רבי נפתלי הירצקא זילבערמאן מראצפערט זי״ע,
הגה״ק רבי שמואל ראזענבערג אב״ד אונסדארף זי״ע.

אויך איז דער צדיק דער בעל מנוחת אשר מטשענגער זי״ע געווען גאר נאנט מיט הגה״ק המקובל האלוקי רבי חיים יוסף מפיסטין זי״ע, וואס איז געווען א תלמיד מובהק פונעם שפאלער זיידע זי״ע און פונעם הייליגען בעל התניא מלאדי זי״ע און פונעם סנגורן של ישראל בעל הקדושת לוי מברדיטשוב זי״ע, וואס די צוויי צדיקים האבן עוסק געווען אין רזין דאורייתא און חכמת הקבלה מדי שנה בשנה.

און מען קען זעהן וואס דער צדיק מטשענגער שרייבט אינעם הסכמה אויפן ספר תוספות חיים פונעם גאון ומקובל רבי חיים יוסף מפיסטין בזה״ל, ״**אשר מאז ומקדם מימים ושנים קדמונים אשר היו לי אתו שעשועים בכל שנה ושנה איזה ימים רצופים, ומצאתי בו רזי תורה נופת צופים, ובעוה״ר כי בדורינו אין בנמצא אחד מאלף אשר מבין יבין את הטוב הצפון בלבו הקדוש והטהור, ואת תפלתו הרמה אשר אין מלה בלתי כוונת האר״י החי זי״ע, ומכוון בתפלתו, וקולע אל השערה ולא יחטיא, ועיני ראו ולא זר עמו, ומי שהוא מבין אשר יש בו חכמה ותבונה, שיש בו דעת ברזי דאורייתא ורזי דתפלה, אשר תקנו אנשי כנסת הגדולה, ובכוונת האר״י, הוא יבין, שבידידי ורב חביבי הצדיק הנ״ל נמצא בו הכל**״.

ער איז געווען מפורסם אין גאנץ אונגארן אלס א בעל מופת עצום און א געוואלדיגע פועל ישועות, צדיקים האבן אים געריפן מיטן נאמען "**מופת הדור**", ובפרט בעניני רפואה האבן אידן געזען גרויסע מופתים חוץ לדרך הטבע, אפילו די גוים פון גאנץ אונגארין האבן געוויסט פון זיין קדושה און גרויסקייט, און זענען געקומען פאר ישועות צו דעם צדיק וקדוש, אבער דער צדיק האט מיט זיין געוואלדיגע הסתר האט מלבוש געווען זיין הימלישע כח פון רפואות און ישועות אין דרך הטבע, ווי ווייט מעגליך, מיטן פארטיילן רעצעפטן און דאס געהייסן טראגען פארן אפטייקער, און דורך דעם באהאלטן דעם כח אז די חולים זענען באמת אויס געהיילט געווארן מיט זיין כח, און עס האט גארנישט געהאט מיט די רעצעפטן.

די קינדער פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע שרייבן אין די תולדות בזה"ל, "**ותרב חכמתו ברפואה ובסגולה ובפלאי הטבע וינהרו ויקבצו אליו מרחוק ומקרוב, כי הצליחו האנשים הבאים אליו, גם כל חלי וכל מכה אשר לא השיגה ידי הרופאים לרפאותה, אבינו הצליח בצדקתו ומפליא לעשות, ואשר ראינו בעינינו דברים נוראים ומפליאים, ואשר הדור הזה יודע וכל העם רואים**".

הגה"צ רבי שמואל ראזענבערג אב"ד אונסדארפער זי"ע וואס איז געווען א תלמיד מובהק פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע האט דערציילט, אז אויף די עלטערע יארן האט מען אמאל געפרעגט פונעם רבין דער מנוחת אשר זי"ע, פון ווי ער האט דעם גרויסן כוח אין רפואה, ווען ער איז בכלל נישט געלערנט אין דאקטריי, האט דער צדיק מיט זיין גרויס עניוות און פשטות געזאגט, "**נישט דער דאקטאר היילט, נאר ווען דער באשעפער וויל שיקן א רפואה, דאן שיקט ער מיטן דאקטאר דעם מלאך רפאל, און דער מלאך רפאל קען אויך קומען צו מיר, נישט נאר צום דאקטאר**".

דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע האט איבער געלאזט זיין הייליגע ספר מנוחת אשר, וואס גדולים און צדיקים האבן געזאגט אז עס איז א גרויסע סגולה לשמירה צו לערנען אין דעם ספר, און אפילו נאר האלטן אין שטוב איז מיגן אויפן שטוב.

אויך האט דער ספר באקומען הערליכע הסכמות פון די גדולי הדור ובתוכם.

הרה"ק רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע וואס שרייבט בתוך הדברים בזה"ל, "**הרב הגאון הגדול בענקים, כשמן תורק שמו ישמעו רחוקים, צדיק ונשגב, איש מופת הדור והדרו, רבים הלכו לאורו כמו"ה אשר אנשיל הלוי זלה"ה, אשר הרביץ תורה ברבים, ומה נכבד היום בהגלות נגלות לעינינו מבית הדפוס כתבי קודש אשר השאיר אחריו ברכה**", און דער אייניקל הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע האט געזאגט, אז עס איז נישט דא נאך אן הסכמה פונעם זיידן דעם ייטב לב זי"ע מיט אזאנע ווערטער אויף א מחבר פון א ספר.

הגה"ק רבי אברהם יצחק גליק אב"ד טאלטשווא זי"ע וואס שרייבט גאר גרויסע זאכן אינעם הסכמה בזה"ל, "הן הגיעני מכתב ממחו' ידיד נפשי הרב הגאון השלם מו"ה יעקב שיק נ"י, ובו בקש ממני ליתן הסכמתי על חיבור היקר מנוחת אשר חלק ב', אשר הניח אחריו ברכה מר חמיו הוא מחו', הגאון העצום רם ונשא המפורסם בעולם, קדוש וטהור, יען הלא כבר נודע למשגב רב גדלו ועוצם ידו, **שהי' איש קדוש וגאון נפלא הפלא ופלא בחריפות ובקיאות, ואין נסתר מנגד עיניו, כי הכל הי' גלוי לפניו**".

אויך קען מען זעהן דעם מורא'דיגן הספד וואס דער גאון הגה"ק רבי אברהם יצחק גליק בעל באר יצחק מטאלטשווא זי"ע האט געזאגט אויפן צדיק מטשענגער בזה"ל, "**וכן הוא בהעדר הצדיק הזה אשר השיב רבים מעון, שמלבד שהיה גאון וגדול בתורה כמפורסם בעולם, וגם אותנו הראה נפלאות מתורתו, עוד היה צדיק נשגב ואיש מופת, והיה כשר לפני המלך, כי השפיע לישראל טובות רבות בתפלתו הזכה, כי רבים ראו וכן תמהו, במה שנלאו רופאי הזמן הוא מצא רפואה, פעם בסממנים ופעם בתפלתו, ועל ידי זה ידעו שיש אלקים בישראל ורבים השיב מעון**".

און מען קען זעהן ווי דער גאון מטאלטשווא ענדיגט צו מיט די ווערטער, "**כי נהנו מאורו רוב ישראל במדינתנו, וחסרו טובות הרבה במיתתו**", וואס דאס ברענגט ארויס אז דער הייליגער צדיק דער מופת הדור דער מנוחת אשר זי"ע האט געהאלפן מיט ישועות "**רוב משפחות פון מדינת אונגארין**".

אויך האט דער ספר הקדוש געהאט הסכמות פון אנדערע גדולים וצדיקים בדורו ובתוכם הגה"ק רבי יוסף שאול נאטענזאהן מלעמבערג זי"ע, ובנו הגה"ק רבי שמואל זאב הלוי יונגרייז מבאיאם זי"ע.

צדיקים הקודמים האבן מעיד געווען אויף דעם גדלות בתורה און די געוואלדיגע קדושה פון דעם צדיק וקדוש דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע, ווי מען קען זעהן וואס דער צדיק הגה"ק רבי יושע שאטין ראב"ד טשענגער זי"ע שרייבט אויפן צדיק בזה"ל, "**הרב הגאון קדוש ישראל ותפארתו "מופת הדור, ובעל שם**" אשר כל דבריו הקדושים עשו רושם למעלה ופרי למטה, אשר מקצוי ארץ וים רחוקים באו אצלו בבקשות שונות זה בכה וזה בכה, זה בשביל רפואה וזה לישועה ושאר דברים מינים ממינים שונים, "**ופעל ישועות בקרב הארץ, כי לא השיב איש ריקם**", וכל כספו וממונו חילק לדלים לעניים ואביונים, כי לא רצה להנות מכסף הזה, ולאחר פטירתו זי"ע, מצאו אצלו מכתבים מבי דואר אשר שלח לארץ הקדושה "**שמונים אלף זהובים כסף**".

די קינדער פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע האבן מעיד געווען אויף זייער הייליגען טאטן, אז פון ווען ער איז געווארן מפורסם בשנת תר"ב אלס א מופת הדור און א גרויסע פועל ישועות, איז דער טאטע כמעט נישט ארויס געפארן פון שטאט טשענגער אויף קיין שום זאך, חוץ דעם איינעם מאל וואס דער מנוחת אשר זי"ע איז געפארן קיין פעסט ביים טיילונג.

דער מנוחת אשר איז נישט געפארן אויף קיין חתונות און שמחת מרעים און נישט געפארן צו קיין מרחץ אדער קור ארט, און אפילו אלעס וואס האט באלאנגט פאר צרכי העיר ווי סידור קידושין, האט דער מנוחת אשר איבער געגעבן פארן דיין הגה"ק רבי אברהם אבא דומ"ץ טשענגער זי"ע, און דער מנוחת אשר איז נאר געווען פארנומען צו העלפן אידישע קינדער וואס זענען געקומען אין די טויזנטער פאר ישועות ורפואות, און ווי די משפחה האט דערציילט, האט זיך גאר אסאך געמאכט, אז עס זענען געשטאנען אינדרויסן פונעם שטוב פונעם מנוחת אשר הונדערטער וואגאנען פון אידן וואס זענען זיך געקומען מזכיר זיין ביים צדיק פאר א ברכה און ישועה.

הגה"ק רבי מנחם מענדל בעל אבני צדק מדעעש זי"ע וואס איז געווען א ידיד נפט מיטן הייליגען מנוחת אשר מטשענגער זי"ע, שרייבט דער גאון א תשובה אין זיין ספר אבני צדק, און דארט שרייבט ער מורא'דיגע טיטלען אויפן הייליגען מנוחת אשר זי"ע בזה"ל, "**אל כבוד ידיד עליון וידיד נפשי הרב הגאון הגדול**

**המפורסמים בכל אפסים, המאור הגדול המאיר לארץ ולדרים סיני עוקר הרים נר ישראל עמוד הימיני פטיש החזק בוצינא קדישא חסידא ופרישא כבוד קדושת שמו תפארתו מו"ה אשר אנשיל נ"י אבד"ק טשענגער והגלילות**".

דער זון הגה"ק רבי משה נתן נטע יונגרייז זי"ע שרייבט אין זיין ספר תורת משה נתן, א דבר פלא, ווי באקאנט איז דער טאטע דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע געווען מפורסם אלס א בעל מחדש נפלא, האט דער זון איינמאל געפרעגט דעם טאטן, פון ווי פאלט אים איין אזאנע חריפות'דיגע חידושי תורה אן דעם וואס ער ברויך זיך אפילו צו גרייטן, האט דער טאטע דער מנוחת אשר זי"ע מגלה געווען פארן זון דעם סוד, "**אז די תורה וואס ער האט געלערנט אלס תינוק במעי אמו בעפאר ער איז געבוירן געווארן, איז אים נישט פארגעסן געווארן, און ער דערמאנט זיך כסדר פון יענע תורה וואס ער האט געלערנט מיט מלאכי עליון**".

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הגה"ק רבי שמואל זאב הלוי אב"ד באיאם זי"ע,
הגה"ק רבי משה נתן נטע הלוי בעל מנוחת משה אב"ד טיסא פירעד זי"ע,
הגה"ק הנגיד רבי יצחק יעקב קאפיל זי"ע,
הגה"ק רבי אברהם אב"ד טשענגער זי"ע, ממלא מקום אביו,
הגה"ק רב יונתן בנימין זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת צלאווא ע"ה, אשת הגה"ק רבי יהושע ברוך רייניטץ ב"ר נתן פייטל מטשעטשאוויץ זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת מלכה ע"ה, אשת הגה"ק רבי שמואל דוד הלוי יונגרייז אב"ד סעטשע זי"ע, בן אחיו הגה"ק רבי שרגא פייש אב"ד מישקאלץ זי"ע,
הרבנית הצדקת מרת פערל חי' ע"ה, אשת הגה"ק רבי יעקב שיק אב"ד נאדאודוואר זי"ע, בן הגה"ק רבי דוד אב"ד טאקאי זי"ע.

פון דעם גאון וקדוש דער מנוחת אשר זי"ע זענען ארויס געקומען א גרויסע משפחה גדולים און גאונים בתורה און רבנים, עס דערציילט איינער, אז הארט פארן קריג איז פאר געקומען א גרויסע אסיפת הרבנים אין אונגארן, אינמיטן די אסיפה האט איינער געבעטן, אז ווער עס איז א אייניקעל פונעם מנוחת אשר זאל זיך אויפהייבן, און עס האבן זיך דאן אויפגעהויבן 80 רבנים וואס זענען געווען אייניקלער פון דעם צדיק וקדוש, אבער ליידער האבן די דייטשן ימ"ש אומגעברענגט כמעט אלע צאצאים פון דעם צדיק וקדוש וויבאלד רוב פון זיי זענען געווען רבנים מפורסמים, וואס די רבנים האט דער רשע ימ"ש גלייך געשיקט אויף לינקס.

ביום ב' פרשת ויצא אור ליום ג' בשנת תרל"ד נאך מעריב, איז דער צדיק וקדוש געזעצן מיט זיינע תלמידים און געלערנט דעם גמרא (מסכת שבת דף פ"ט ע"א) אמר ריב"ל בשעה שעלה משה למרום מצאו להקב"ה שהיה קושר כתרים לאותיות, נאכדעם האט דער צדיק וקדוש געליינט קריאת שמע און זיך געלייגט, ביי חצות הלילה איז דער צדיק נסתלק געווארן מיט מיתת נשיקה.

נסתלק לגנזי מרומים ה' כסלו בשנת תרל"ד, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט טשענגער, אידן דערציילן פון גרויסע ישועות וואס מען פועלט ביי דעם מקום קדוש די גאנצע יאר ובפרט ביום היארצייט.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**דער הייליגע מנוחת אשר** פלעגט לערנען יומם ולילה מיט א אויסטערלישע התמדה און מיט א דחקות גדול, ער האט נישט געהאט צי הייצען דעם שטוב, פלעגט ער לערנען אינטער די דאכענע, איינמאל אינמיטן די נאכט איז אנגעקומען א איד מיט א צורה נאה, און בעט דעם צדיק אז ער וויל אים אויס לערנען חכמת הרפואה, און פון דעם וועט ער קענען ציען א שיינע פרנסה, די רבי האט אים אבער גלייך געזאגט ער זאל שוין אפיאגען פון דאנעט, און אים נישט שטערן דאס לערנען מיט דברים של מה בכך.

דער איד האט מוראדיג מפציר געווען דעם צדיק, אז היות ער לעבט דאך מיט שרעקליכע דחקות, אפשר דאך איז א גוטע געלעגענהייט, אז ער וועט אים אויס לערנען אנע געלט, ענפערט די רבי, בשום אופן שבעולם וועל איך נישט אפלאזען די תוה"ק, פרנסה גיבט השי"ת, און ווי פארשטייט זיך אז פון דאקטאריי מאן דכר שמיה.

דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע איז צוריק צום גמרא און ניטאמאל באמערקט וואס דער אומגעריפענע גאסט טוט, למעשה האט דער גאסט אנגעפירקעלט דעם טיש מיט א גאנצע ליסטע, פאר דעם קראנקהייט דארף מען די רפואה, און פאר יענע מחלה יענע רפואה וכו וכו' א גאנצע ליסע מיט רפואות פאר אלע חולאים ר"ל, ופרח לו איש האמת דער גאסט איז נישטא מער.

דער מנוחת אשר קומט צוריק לערנען, און זעט וואס דער אורח האט געטוהן, האט ער געבעטן צופרי דעם רבעצין אויב זי קען מוחל זיין און אפווישען דעם צעשמירטען טיש, זי האט פרובירט קראצען און רייבען אבער אן ערפאלג, די שריפט האט זיך נישט אויסגעמעקט בשום אין אופן.

דאן האט דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע אן געהויבן טראכטען, איין מינוט וויזוי איז דער גאסט אריין, די טיר איז דאך פארשפארט געווען, און איז נאך אלץ, און וויזוי איז ער ארויס, האט ער פארשטאנען אז יש דברים בגוי, און האט גענומען א ביכעלע און איבער געשריבען דעם גאנצן טיש, און ויהי לפלא אז די שריפט פינעם טיש האט אן געפאנגען אראפ קומען און די רביצין האט מיט איין וויש אפגעוואשען דעם גאנצען טיש ריין ווי עס איז געווען בעפאר.

די קומעדיגע נאכט אינמיטן לערנען, קימט צי לויפן א איד און קלאפט שטארק אויפן טיר, דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע עפענט די טיר, און דער איד מאכט יאמערליכע קולות, אז זיין טאכטער גייט אויס ל"ע און די רבי מיז איר שוין געבן א רפואה, דער צדיק קוקט אן דעם איד מיט וואונדער און זאגט אים, לויף צום דאקטאר, וואס קען איך דיר העלפען, דער איד לאזט זיך נישט און ער זאגט, עס איז געווען ביי מיר א איד מיט א הדרת פנים און גוזאגט, אז איר קענט מיר העלפן און איך זאל מיך נישט לאזען אפזאגען פון דיר בשום אופן.

דער הייליגער מנוחת אשר האט פארשטאנען אז זיין גאסט פון נעכטן נאכט, זעהט אויס האט געמאכט נאך סטאנציעס, און דער מנוחת אשר זאגט פאר דעם איד אז ער זאל ווארטן איין מינוט, און ער האט גענומען זיין ביכל און גוזאגט דעם איד וואס צי טוהן, און פארשטייט זיך אז די טאכטער האט געהאט א ישועה,

נאכדעם איז געקומען א צווייטער אז זיין טאטע איז שטערבליך קראנק ל"ע און די רבי זאל שוין העלפן, וכו' כמעשיהו בראשונה האט זיך אפ געשפילט עטליכע מאל.

עס האט נישט געדויערט לאנג, און יצא שמו אז דער רב יונגרייז פון טשענגער היילט אויס ווינדערליך אלע קראנקהייטן, אפילו וואס די גרעסטע דאקטורים פון וויען זאגן אז מען קען דאס נישט היילן, לאנג האט נישט געדויערט און זיין נאמען איז באקאנט געווארן אין די גאנצע שטאט און שפעטער ארום אין די גאנצע געגענט, און צום סוף איז דער הייליגער מנוחת אשר נתפרסם געווארן איבער גאנץ אונגארין און אויך אין די ווייטערדיגע מדינות.

**דער אפטייקער אין טשענגער** פלעגט מאכן גאר אסאך געלט פון זיין אפטייק, ווייל חולים וואס פלעגן קומען נאך רפואות ביים הייליגען מנוחת אשר זי"ע, פלעגן קומען מיט די רעצעפטן צו אים, לימים האט זיך דער אפטייקער אוועק געצויגן פון טשענגער קיין פעסט, האט ער דעם אפטייק פארקויפט פאר א אנדערן פאר גוט געלט, וויבאלד מען האט דאך געמאכט אסאך געלט פונעם אפטייק.

אין טאג ווען דער אלטער אפטייקער איז צוריק געקומען קיין טשענגער, פרעגט דער נייער אפטייקער פונעם אלטן, אויב ער פלעגט מאכן געלט פונעם אפטייק, ווייל ער קען נישט לייזן קיין גראשן, פרעגט אים דער אלטער אפטייקער אויב דער ראבינער פון טשענגער לעבט שוין נישט, זאגט דער נייער אפטייקער אוודאי ער לעבט, אבער די פראבלעם איז, אז רוב רעצעפטן וואס די רב הייסט פארשרייבן פארמאגט ער נישט.

זאגט דער אלטער פארן נייעם, "שוטה איינער, די מיינסט טאקע אז די רעצעפטן היילן, איך האב אויך קיינמאל נישט געהאט די מעדעצינען וואס דער ראבינער האט פארשריבן, דערפאר יעדעס מאל איינער איז געקומען מיט א רעצעפט פונעם ראבינער, פלעג איך אריין גיין אין צווייטן צומער אז מען זאל נישט זעהן, און איך פלעג אריינגיסן אינעם פלעשל אביסל "**לאקאריץ וואסער (רויטע קאלעי וואסער)**", און דאס האט אייביג געהאלפן, ווייל דער רעצעפט איז געווען נאר צו פארבלענדען די אויגן פון די מענטשן, אלעס האט געהאלפן נאר אינעם זכות פונעם הייליגען צדיק, און נישט פונעם רעצעפט.

**איינמאל איז געווען א איד** וואס די דאקטורים האבן געהאט ל"ע אויף געגעבן אויף דעם איד, איז דער איד געקומען זיך מזכיר זיין צום צדיק דער מנוחת אשר מטשענגער זי"ע, האט אים דער צדיק געגעבן כדרכו א מעדעצין וואס ער זאל נעמען, וואס דורך דעם וועט ער האבן א רפואה שלימה, פארשטייט זיך אז גאר אינגיכן איז דער איד אויס געהיילט געווארן, און די דאקטורים האבן נישט פארשטאנען וואס דא איז פאר געקומען.

א שטיק צייט שפעטער איז דער איד נאכאמאל קראנק געווארן מיט די זעלבע מחלה, וויבאלד ער האט שוין געהאט דעם רעצעפט פונעם צדיק, האט ער געטראכט אז ער וועט דאס נעמען נאכאמאל און ער וועט ווערן אויס געהיילט ווערן, אבער לפלא האט דאס נישט געארבעט, איז ער אריבער צום צדיק מטשענגער און זיך מזכיר געווען, האט אים דער צדיק געגעבן דעם זעלבן רעצעפט, און לפלא דאן האט די רעצעפט געארבעט און דער איד איז געזונט געווארן, ווייל דער צדיק האט מיט זיין גרויסע כח געהיילט און נישט מיט די רעצעפטן.

**אין ספר משנה למלך** ווערט געברענגט אז דער צדיק הרה"ק רבי אלעזר רישא זי"ע איז געווען באקאנט אלס א בקי גדול ברפואות, איין טאג האט דער הייליגער צדיק רבי מענדעלע דעעשער זי"ע מזכיר געווען זיין זון הרה"ק רבי משה זי"ע וואס האט זיך נישט גוט געשפירט, ביים הייליגען מנוחת אשר זי"ע, און ער האט באקומען א רעצעפט פונעם מנוחת אשר זי"ע, איז דארט אין שטאט דעעש פונקט געווען דער צדיק רבי אלעזר רישא זי"ע, און ער איז געגאנגען באזיכן דעם רב, האט רבי מענדעלע דעעשער זי"ע אים געוויזן דעם רעצעפט און געפרעגט זיין חוות דעת.

ווען רבי אלעזר רישא זי"ע האט איבער געקוקט דעם רעצעפט האט ער געזאגט, אויב וואלט איר באקומען דעם רעצעפט פון א דאקטאר, וואלט איך געזאגט אז דאס איז סם המוות פאר דיר, אבער וויבאלד דאס קומט פונעם הייליגען מנוחת אשר מטשענגער זי"ע זאלסטו דאס נעמען, ווייל די צדיקים האבן א אנדערן כח ווי א דאקטאר, וכך הוה דער זון הרה"ק רבי משה זי"ע איז אינגאנצן אויס געהיילט געווארן.

**הרה"ק רבי משה'לע דעעשער זי"ע** האט דערציילט, אז ער האט געהאלטן אפאר יאר נאך די חתונה און האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, האט אים זיין טאטע הרה"ק רבי מענדעלע דעעשער זי"ע געשיקט, אז ער זאל גיין צום צדיק ומופת הדור הרה"ק בעל מנוחת אשר מטשענגער זי"ע און אויך צום ציון הקדוש פון הרה"ק רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע.

דעם ערשטן שבת איז ער געווען אין טשענגער, און דער הייליגער מנוחת אשר האט אים גאר שטארק מקרב געווען, נאך שבת ווען ער האט זיך געזעגנט פונעם צדיק מטשענגער זי"ע, האט אים דער צדיק געזאגט בזה"ל, "לעולם האט איר שוין געפויעלט א ישועה, נאר אייער טאטע האט געזאגט איר זאלט פארן אויף רימנוב, פארט געזונטערהייט און איר זאלט געהאלפן ווערן מיט א ישועה שלימה", וכן הוה צום יאר האט ער געהאט א קינד.

**איבער דעם בילד פונעם הייליגען צדיק דער מנוחת אשר זי"ע**
האט דער צדיק הגה"ק רבי אשר אנשיל מיללער פעטירשאנער רב זי"ע דערציילט א פלא'דיגן מעשה וואס ער האט אליין בייגעוואוינט, ווי ביי א געלעגנהייט איז אמאל אויס געקומען אז דער נאסוידער רב זי"ע איז געקומען דאווענען מנחה ביי אים אין ביהמ"ד, און דארט אויף מעריב זייט פונעם ביהמ"ד האט געהאנגען א בילד פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע, און ווען דער הייליגער נאסוידער רב זי"ע איז דורך דעם בילד, האט ער זיך אפ געשטעלט און באטראכט דעם בילד.

ווען דער פעטירשאנער רב האט באמערקט ווי דער נאסוידער רב באטראכט דעם בילד, האט ער זיך אנגערופן, ביי אייך חסידים איז מען דאך מקפיד אויף בילדער, איז אז דער רבי וויל קען איך אויס דרייען דעם בילד אדער עס אפילו אראפ נעמען פון וואנט ווילאנג די רבי וועט דאווענען מנחה.

האט זיך דער נאסוידער רב אנגערופן בזה"ל, "**ח"ו ח"ו, דאס בילד פונעם מנוחת אשר איז א סגולה פאר יראת שמים, נישט נאר**

**פאר זיינע קינדער, נאר פאר יעדן איד וואס קוקט דערויף**", און דאס איז טראץ דעם וואס דער הייליגער נאסוידער רב זי"ע איז געווען דער גרויסער מקנאה קנאת ד' צבקות וואס האט אפגעווייכט פון סיי וועלכע מאדערנע זאך און בפרט פון בילדער, איז אבער א בילד פונעם מנוחת אשר זי"ע געווען א גאר אנדערע זאך.

**דער תלמיד הרה"ק רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע** האט מעיד געווען אויף זיין רבין דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע, **אז ער האט געהאט הייליגע אויגן און געקענט זען מסוף עולם עד סופו**, און דערפאר זענען אידן שטענדיג געקומען צו דעם צדיק ווען מען האט עפעס פארלוירן, און דער צדיק האט כסדר מגלה געווען דעם פלאץ ווי די אבידה אדער די גניבה ליגט, אויך האט דער תלמיד רבי הירצקע'לע זי"ע נאך געזאגט בשם זיין רבין בזה"ל, "**מי שלא פגם, אין שום מחיצה מפסקת עבורו**".

איינמאל איז א גראפע פון גנבים געקומען צום הייליגען מנוחת אשר מטשענגער זי"ע, און געפרעגט פארוואס דער רבי מישט זיך אריין אין זייערע געשעפטן און זאגט אויס פאר די מענטשן פון וועם זיי האבן גע'גנב'ט זאכן ווי עס ליגט, און מאכט זיי דורך דעם חרוב זייערע געשעפטן, דער רבי זאל זיין פארנימען מיט זיין לערנען און נישט אזוי פיל מיט אונזערע גניבות, האט זיי דער צדיק געזאגט, וויסן זאלט איר, אז וועגן ענקערע גניבות טראכט איך נאר אין מקומות ווי מען טאר נישט טראכטן קיין תורה.

**ווי באקאנט איז דעם נאמען פונעם הייליגען מנוחת אשר** געווען באקאנט אפילו ביי די גוים און זיי האבן כסדר גערעדט פון זיין גרויסקייט, איין טאג האט א גרויסע שר געמאכט א גאר גרויסע סעודה און ער האט געריפן אלע גרויסע שרים און מכובד'יגע מענטשן, ביים סעודה האט מען דארט גערעדט פון דעם גדלות פונעם ראבינער מטשענגער.

דער שר האט געטראכט ביי זיך, אז ער וויל אויס פראבירן דעם צדיק און זען צו ער ווייסט טאקע וואס ער רעדט, האט ער געהייסן ריפן דעם מנוחת אשר צו זיך אין שטוב, און דער שר האט זיך אריין געלייגט אין בעט כאילו ער איז טויט קראנק, ער האט געוואלט זען אויב דער צדיק וועט מרגיש זיין אז דאס איז נאר א שפיל.

דער צדיק איז אריין געקומען אין שטוב פון דעם שר, אבער אזוי ווי ער האט אן געכאפט זיינע הענט, האט ער גלייך מרגיש געווען אז דאס איז נאר א שפיל כדי צו חוזק מאכן פון אים, דער צדיק איז ארויס און זאגט פאר די אלע וואס זענען דארט געווען, אז עס איז נישט דא וואס צו טון מיט דעם שר, ער האט נישט קיין עצה ווי אזוי אים אויס צו היילן.

אלע האבן דאן אנגעהויבן לאכן פון דעם צדיק, ווייל זיי האבן פארשטאנען אז מען האט דא גוט צו געפיקסט דעם צדיק, אבער ווען זיי זענען אריין אינעם שטוב פונעם שר, האבן זיי געטראפן דעם שר ווי ער ליגט אין בעט א פגר, דאן האבן זיי שוין גאר גוט געזען אז דאס איז געקומען פונעם הקפדה פונעם גרויסן צדיק און אז ער ווייסט שוין גאר גוט וואס ער זאגט.

**איין יאר איז אויס געקומען**, ווען דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע איז געפארן צו די לוקאטש בעדער אין בודא נעבן פעסט אין די ניין טעג בעפאר תשעה באב, פאר צרכי רפואה פאר זיין ווייעדיגע פיס, איז דאן דער הייליגער מנוחת אשר מטשענגער זי"ע געפארן קיין פעסט צוליב דעם אסיפות הרבנים הגאונים והצדיקים וועגן דעם טיילונג אין אונגארין, איז ער אריבער געפארן באזיכען דעם הייליגען דברי חיים זי"ע, און ווען דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע איז אריין געקומען אין ביהמ"ד, איז ער נבהל ונשתומם געווארן זעענדיג, ווי דער צאנזער רב זיצט אויבן אן מיט א גאנצע עולם חסידים, און מען רעכט אפ א פליישיג סעודה אין די ניין טעג.

אזוי ווי דער צאנזער רב האט מרגיש געווען, אז דער צדיק מטשענגער איז דא, איז ער אים באלד אקעגן געגאנגען, און ער האט אים געבעטן צו קומען אויבן אן, און נאך בעפאר דער מנוחת אשר האט געקענט פרעגן פונעם צאנזער רב עפעס, האט אים צאנזער רב געזאגט ברוח קדשו, איך בין זיכער עס איז פאר אייך א פלא אז איך עס פליישיג אינמיטן די ניין טעג, אבער איך וועל עס אייך מסביר זיין.

עס שטייט אין גמרא (מנחות צ"ז ע"א) בזמן שבית המקדש קיים, מזבח מכפר על אדם, ועכשיו שאין בית המקדש קיים, שולחנו של אדם מכפר עליו, יעצט ענק רבני אונגארן וואס עטץ זענט צדיקי אמת, ברויכן ענק נישט קיין כפרה, דערפאר ברויכט איר נישט פירן קיין טיש און עסן פליישיג'ס אין די ניין טעג, אבער זאגט דער הייליגער צאנזער רב מיט זיין עניוות, איך בין מלא עוונות וחטאים, דערפאר ברויך איך צו קומען צום טיש פאר א כפרה, דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע האט זיך צושמייכלט און מער נישט געפרעגט.

**דער צדיק וקדוש רבי הערצקעלע מראצפערט זי"ע** איז געווען א תלמיד מובהק פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע, האט דער צדיק מראצפערט דערציילט, אז זייענדיג שוין א עלטערע בחור אין שידוכים, איז דער מצב ביי זיין טאטן אין שטוב געווען מיט א שרעקליכע דחקות, דערפאר האט דער צדיק רבי הערצקעלע זיך פארדינגען אין שטאט טשענגער אלס א מלמד פאר קינדער, און פון דעם האט ער צוזאמען געשפארט א ביסל געלט, כדי ער זאל קענען מיט די געלט זיך קויפן עפעס א שיינעם מלבוש צו קענען א חתן ווערן.

נאכן ארבעטן שווער אפאר חדשים, האט ער באקומען א בריוו פון זיין טאטן, אז ער ברויך א סכום געלט פאר צרכי הבית און די טאטע בעט אים אויב ער קען אים אפשר העלפן ווייל דאס דחקות אין שטוב איז שוין אומדערטרעגליך, רבי הערצקעלע מראצפערט האט נישט געוויסט וואס ער זאל דא טון, ווייל ער האט געוויסט אז מיט זיינע צעריסענע בגדים וועט ער בדרך הטבע נישט טרעפן קיין שידוך, אבער פון די אנדערע זייט וויל ער דאך אזוי שטארק מקיים זיין דעם מצוה פון כיבוד אב, און רבי הערצקעלע איז פון דעם געווארן זייער צעטראגן.

דעם קומענדיגע טאג צופרי ווען רבי הערצקעלע האט זיך געשטעלט זאגן ברכות, און ער איז אנגעקומען צו אלו דברים שאין להם שיעור, כיבוד אב ואם, האט רבי הערצקעלע נישט געקענט זאגן די ווערטער טראכטענדיג ביי זיך, ווי אזוי ער קען זאגן די ווערטער, ווען ער איז מסיפוק וועגן שיקן דאס געלט פארן טאטן, אבער אזוי טראכטענדיג קומט דער גבאי פון זיין רבין דער

הייליגער מנוחת אשר זי"ע, און זאגט פאר רבי הערצקעלע אז די רבי לאזט אים ריפן.

דער תלמיד איז גלייך אריבער געלאפן צו זיין רבין טראכטענדיג אז ער וועט קענען פרעגן זיין רבי וואס ער זאל דא טון, אבער לפלא אזוי ווי ער טרעט אריין אין שטוב, דערלאנגט אים זיין רבי דער מנוחת אשר זי"ע דעם פונקטליכע סכום געלט וואס זיין טאטע האט געבעטן, און דער צדיק זאגט פאר זיין תלמיד רבי הערצקעלע זי"ע בזה"ל, "**דא האסט די דעם סכום געלט וואס דיין טאטע האט געבעטן, און שיק דעם געלט גלייך צו דיין טאטן, ווייל עס איז באמת א שאד צו מבטל זיין די טייערע צייט פון לערנען תורה, צוליב אזא קלייניקייט**", און דאס האט דער הייליגער מנוחת אשר מרגיש געווען אן דעם וואס זיין תלמיד זאל אפילו זאגן א ווארט.

**ווי באוויסט איז געווען א גאר שטארקע קשר** צווישן דעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע און דעם צדיק הרה"ק רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע, וואס באמת איז דאס געווען א חידוש נפלא, ווייל די צוויי צדיקים האבן זיך קיינמאל נישט געטראפן פנים אל פנים, און ווען דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע איז נתפרסם געווארן בשנת תר"ב איז ער געווען א יונגערמאן פון עטליכע דרייסיג יאר, איז רבי מאיר'ל מפרמישלאן שוין געווען אויף דער עלטער שוין עטליכע זעכציג יאר, און רבי מאיר'ל איז נסתלק געווארן בשנת תר"י, מיט דעם אלעם האט דער הייליגער צדיק רבי מאיר מפרמישלאן גאר שטארק גערעדט פונעם גדלות בתורה און פון דעם גרויסן כח הקדושה און פון פויעלען געוואלדיגע ישועות פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע.

די צוויי צדיקים האבן זיך אסאך געשריבן איינער מיטן אנדערן בדברים נשגבים אשר סוד ד' ליראיו, איינמאל ווען צוויי חסידים פונעם מנוחת אשר זענען געקומען קיין פרמישלאן צום צדיק, האט דער רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע געזאגט פאר די חסידים בזה"ל, "**דער צדיק מטשענגער ווייסט ווי אזוי מען דארף דאווענען**", און ווען דער צדיק רבי מאיר'ל האט געזען ווי די חסידים וואונדערן זיך פון ווי ער ווייסט דאס, וויבאלד ער האט דאך נאך קיינמאל נישט געזעהן דעם הייליגען מנוחת אשר, האט רבי מאיר'ל זיי געזאגט, איך וועל אייך דערציילן א מעשה.

ווי באקאנט האט דער הייליגער מנוחת אשר מטשענגער זי"ע געדאווענט נוסח אשכנז, און דער צדיק רבי מאיר'ל דערציילט, אז ער האט איינמאל געשריבן א מכתב צום מנוחת אשר זי"ע, אז ער זאל טוישן און אנהייבן דאווענען נוסח ספרד, און רבי מאיר'ל האט אים געשריבן די כוונות האריז"ל וואס מען ברויך אינזין האבן ביים דאווענען נוסח ספרד, האט דער הייליגער מנוחת אשר צוריק געשריבן א מכתב ארוך, ווי ער האט מסביר געווען ווי אזוי ער קען מכוון זיין די כוונות האריז"ל אויך אויף נוסח אשכנז, און דערפאר וויל דער מנוחת אשר נישט משנה זיין דעם מנהג פון דאווענען נוסח אשכנז וואס ער איז שוין מיט דעם רגיל זיין גאנץ לעבן, און פון דעם האט רבי מאיר'ל געזעהן אז דער מנוחת אשר ווייסט ווי אזוי צו דאווענען.

און פון זיין גרויס התפעלות פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע, האט רבי מאיר'ל שפעטער געלאזט שרייבן א נייעם סידור כתב יד אויף נוסח אשכנז מיט די כוונות האריז"ל לכבוד דעם הייליגען מנוחת אשר, און האט דאס געשיקט פארן צדיק, און דער מנוחת אשר האט געדאווענט אין דעם סידור, גרויסע צדיקים הקודמים פלעגן קומען מתפלל זיין אין דעם סידור ובתוכם הרה"ק רבי חיים אלעזר שפירא בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע, און יארן לאנג נאך דעם הסתלקות פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע דערציילן אידן פון גרויסע ישועות וואס מען האט געזען דורך דעם הייליגען סידור.

**הגה"צ רבי אלעזר שפירא מקיוויאשד זי"ע האט דערציילט**, אז א איד איז אמאל געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק וקדוש דער מנוחת אשר זי"ע, אז ער האט ביי זיך אין שטאט א גוי וואס האט אויף געמאכט דעם זעלבן געשעפט ווי אים און ער ברענגט אים אונטער זיין פרנסה, האט דער צדיק געהייסן ברענגען א שטיקל פאפיר, און ער האט געהייסן שרייבן דעם נאמען פונעם גוי, און ער האט געהייסן דעם איד צו אריין לייגן דעם פאפיר אין זיינע שיך, און ער וועט אי"ה האבן א ישועה.

דער איד האט געפאלגט דעם רבין, און לפלא ווען די פאפיר האט זיך אנגעהויבן אפמעקן, איז דער גוי קראנק געווארן, און ווען די פאפיר איז געווען אינגאנצן אפ געמעקט, האט דער גוי געכאפט א פגירה, כן יאבדו כל אויביך ד'.

**דער תלמיד חביב הרה"ק רבי הערצקעלע מראצפערט זי"ע** האט כסדר גערעדט פון דעם גרויסן מידת צדקה פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע, איינמאל האט דער צדיק רבי הערצקעלע זי"ע געזאגט פאר הגה"ק רבי מנחם שיק אב"ד סיקס זי"ע בזה"ל, "**צדקה געבן האב איך מיך געלערנט ביי מיין רבין פון טשענגער**", וואס ווי באקאנט איז דער צדיק רבי הערצקעלע געווען איינע פון די גרויסע בעלי צדקה וחסד בדורו.

דערציילט דער תלמיד רבי הערצקעלע זי"ע, אז ער פלעגט כסדר נאך קוקען זיין גרויסן רבין מטשענגער, און צו קוקען זיין געוואלדיגע מידת הצדקה, לפלא האט ער געזען גאר אסאך מאל, אז ווען עס איז געקומען א איש הגון און א איש מכובד, האט דער הייליגער מנוחת אשר געקענט געבן א קליינע סכום, און די זעלבע צייט האט געקענט קומען א פשוטע איד, און פאר דעם פשוטן איד האט דער צדיק געגעבן א גאר שיינע סכום, און דאס איז געווען א גרויסע וואנדער פאר אים, אבער צוליב זיין יראת הכבוד פאר זיין רבין האט ער קיינמאל נישט געפרעגט קיין קשיות.

אבער איינמאל זייענדיג ביי זיין רבין, איז אריין געקומען א גאר חשובע איד, און דער צדיק האט יענעם חשובע איד אפ געזעגענט מיט א גאר קליינעם סכום, און גלייך נאכדעם איז געקומען א פשוטע איד צום רבין פאר הכנסת כלה, און דער צדיק האט אים אהין געגעבן 25 רובל וואס איז געווען א גאר שיינעם סכום בימים ההם, דא האט זיך דער תלמיד רבי הערצקעלע נישט געקענט מער איינהאלטן, און ער האט געזאגט פאר זיין רבין, ילמדנו רבינו, וואס איז פשט אז פאר דעם פשוטע איד האט די רבי געגעבן אזא גרויסע סכום, און פאר יענעם חשובע איד האט די רבי געגעבן א קליינעם סכום.

האט מיר מיין רבי דער מנוחת אשר זי"ע געזאגט, הערצקעלע די ווילסט מיך לערנען מעשה צדקה ווי אזוי מען איז מקיים צדקה באמת, האט דער תלמיד גלייך געזאגט מיט יראת הכבוד פאר זיין רבין, אדרבה פונקט פארקערט רבי, איך ווייל זייער די רבי זאל מיך אויס לערנען ווי אזוי מען איז מקיים מצוות צדקה אויפן ריכטיגען וועג.

דאן האט אים זיין רבי דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע מגלה געווען דעם סוד און געזאגט, וויסן זאלסטו, אז אינעם שטאט ווי דער פשוטע איד וואס גייט פאר הכנסת כלה וואוינט, וואוינט דארט אויך א גרויסע עושר וואס קען ווען העלפן דעם איד מיט דעם סכום פון 25 רובל, און פון הימל האט מען גוזר געווען אז דער עושר זאל אים געבן דעם סכום געלט.

אבער ליידער איז יענער עושר א גרויסע קמצן, און דער איד וואלט קיינמאל דעם סכום נישט געקענט ארויס זעהן פון דעם עושר, און חוץ פון דעם איז דער איד אויך אמאל געווען א עושר פון יענעם שטאט, נאר ליידער איז ער געווארן א יורד ל"ע, און דערפאר גייט ער ארום צוזאמען שטעלן צדקה אין די פרעמד, כדי קיינער זאל נישט וויסן אז ער איז ליידער א יורד.

דערפאר האט מען צו געפירט פון הימל, אז היינט איז דא געווען ביי מיר יענער עושר, און ער האט זיך מזכיר געווען פאר א ישועה, און איך האב יענעם עושר געבעטן פאר א פדיון 25 רובל, און בלית ברירה האט ער דאס געמיזט געבן פאר מיר, און מען האט פון הימל געפירט אז דער יורד זאל אויך יעצט קומען און אפ נעמען דעם סכום פון 25 רובל ביי מיר, און איך בין סך הכל געווען דער גבאי צדקה און דער שליח צווישן די צוויי אידן, דאס איז געווען די הייליגע אויגן פון דעם צדיק וקדוש דער מנוחת אשר מטשענגער זי"ע.

**עס איז באקאנט אז דער צדיק וקדוש מטשענגער זי"ע** איז געווען א בעל מופת עצום ובפרט בעניני רפואה, צדיקים האבן מעיד געווען אז דער צדיק האט טויזנטער חולים אויס געהיילט נאר מיטן טאפן מיט זיינע הייליגע הענט, איינמאל ווען דער צדיק האט באוויזן א מופת און אויס געהיילט א קראנקע מיטן טאפן מיט זיינע הייליגע הענט, און דער צדיק האט געזעהן ווי דער עולם וואונדערט זיך אזוי, האט ער געזאגט מיט זיין גרויס עניוות בזה"ל "**פארוואס וואנדערט איר זיך אזוי, א האנט וואס טאפט אזוי פיל בלעטער גמרא און ספרים הקדושים, האט א כוח צו היילן**".

א אנדערע מאל ווען דער צדיק האט געהיילט מיט די האנט, האבן די מקורבים געהערט ווי דער צדיק איז מתפלל בשמים און זאגט צו זיך אזוי שטיל בזה"ל, "**ידים שלא פגמו מעולם, תביאנה רפואה לחולה**", אז א האנט וואס האט נאך קיינמאל נישט פוגם געווען, קען זיכער ברענגען א רפואה פארן חולה, כך הוה דער חולה איז גלייך אויס געהיילט געווארן.

**עס איז מקובל אין די משפחה פונעם הייליגען מנוחת אשר מטשענגער זי"ע** א גרויסע סגולה, אז מען זאל יעדן טאג זאגן די צוויי קאפיטלעך תהלים "**קאפיטעל פ' און קאפיטעל ע"ב**", און אידן דערציילן גאר גרויסע ישועות ממש חוץ לדרך הטבע וואס זיי האבן געזעהן ביים זיך פאר נעמען דעם קבלה און דאס מקיים זיין יעדן טאג.

**ווי שוין אויבן דערמאנט** האט דער צדיק וקדוש רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע געלאזט שרייבן א ספעציעלן קבלה סידור כתב יד פארן צדיק וקדוש דער מנוחת אשר מטשענגער זי"ע, און דער סידור איז אריבער בירושה צו די אייניקלעך, היינט ליגט די סידור ביי די וועד הכנסת אורחים טשענגער, און עס איז דא אן א שיעור מעשיות פון אידן וואס האבן אריין געלייט קוויטלעך אין דעם סידור און אן געצינדן א ליכט'ל לעילוי נשמתו פון דעם צדיק "**הרה"ק רבי אשר אנשיל בן רבי שמואל הלוי זי"ע**", און זיי האבן געזעהן ישועות חוץ לדרך הטבע, אויך איז באקאנט אז דער הייליגער ריבניצער רבי זי"ע האט זיך גאר אסאך באניצט מיט דעם סידור ובפרט ערב ר"ח, וואס ער פלעגט זיצן שעות ביים סידור און מזכיר געווען קוויטלעך, און געברענגט גרויסע ישועות פאר אידן דורך דעם הייליגען סידור.

**א איד א חשובע בנש"ק דערציילט**, אז ער האט געהאט א זכי' צו קענען צו קומען צום הייליגען סידור פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע, איז דארט אויך געווען א ברודער זיינער וואס האט לליידער געהאט א עלטערע בחור ביי זיך אין שטוב, וואס לליידער האט זיך נישט געריקט קיין שידוך פארן בחור, האט דער בנש"ק געזאגט פאר זיין ברודער, שרייב א קוויטל און לייג עס אריין אינעם סידור, און די וועסט זיכער בקרוב זעהן א ישועה, נישט צום גלייבן 24 שעה נאכדעם האט דער ברודער געשלאסן א שידוך מיט זיין בחור מיט א מיידל פון א גאר חשובע משפחה בישראל.

**הרה"ח הישיש ר' יחזקאל גליק** האט דערציילט א גאר וואונדערליכע מעשה, זיין משפחה האט געוואוינט אין שטאט קראלי, און בשכינות פון זיי האט געוואוינט א בעל עגלה וואס מען האט גערופן "**דער בלינדער בערי**", ווייל ער איז אויף די עלטערע יארן געווארן א סגי נהור ל"ע, און דער בעל עגלה פלעגט כסדר דערציילן די פאלגענדע מעשה מיט א מורא'דיגע התפעלות.

אז יונגערהייט פלעגט ער כסדר פירן אידן פון איין שטאט צום אנדערן, איין טאג האט אים געדינגען עלטערן מיט זייער טאכטער וואס איז רח"ל געווען שטום און טויב זי האט נישט געקענט רעדן אדער הערן, און דער בעל עגלה האט זיי געפירט פון קראלי קיין טשענגער צום צדיק וקדוש דער מנוחת אשר זי"ע, דערציילט דער בעל עגלה, אז אויפן וועג פארענדיג אהיים, האט דאס מיידל שוין געקענט הערן און רעדן כאחד אדם כאילו זי איז בעפאר בכלל נישט קראנק געווען, פלאי פלאים.

**הגה"ק רבי מענדעלע דעעשער זי"ע** וואס איז געווען מפורסם אלס א גאון וחריף עצום בתורה, און דער גאון פלעגט כסדר פארן קיין צאנז צום הייליגען דברי חיים זי"ע און איבער גיין זיינע פרישע חידושים, פלעגט ער דאן אויך אריבער פארן אויפן וועג צוריק פון צאנז דעם שטאט טשענגער, און דאן פלעגט ער יעדעס מאל אריין גיין צום הייליגען מנוחת אשר זי"ע און איבער גיין מיט אים זיינע חידושים, האט זיך אמאל דער הייליגער צדיק רבי מענדעלע דעעשער זי"ע אויס געדריקט בזה"ל, "**מעולם לא נצחני אדם אויסער דער טשענגער רב זי"ע**".

**ביי דו חתונה פון די יונגסטע טאכטער פונעם מנוחת אשר זי"ע** זענען געקומען צו פארן איבער פופציג רבנים, און בשעת דער שמחה איז פאר געקומען א גרויסע פלפול חכמים, ווי מיט די צענדליגער רבנים האט דער מנוחת אשר זי"ע מיט יעדן גערעדט זיין סוגיא וואס ער האט געהאלטן אינמיטן לערנען, און וועלכע סוגיא ער האט נאר אנגערירט האט עס אויסגעזען, ווי ער איז ממש אין די סוגיא און ווי ער ער האט עס אקארשט יעצט געלערנט, פון וואס אלע רבנים גאונים וגדולים בתורה זענען ממש נבהל ונשתומם געווארן ווי ס'איז פאר אים נהירין שבילי דאורייתא כזוהר הרקיע.

**ווי באקאנט האבן די תלמידים און אויך אסאך גדולים און צדיקים** גאר שטארק גערעדט פונעם סגולה, אז דורך לערנען, און אפילו נאר האלטן דעם הייליגען ספר מנוחת אשר אין א אידישע שטוב, איז א שמירה מעולה, דער תלמיד הגה"ק מאונסדארף זי"ע האט דעם ספר נישט אראפ גענומען פון זיין טיש און כסדר געלערנט אינעם ספר, אויך דערציילן די מקורבים אז דער גאון ובעל מקובל הגה"ק באבא סאלי זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט אויפן ספר הקדוש מנוחת אשר בזה"ל, "**שכל הסגולות שיש בספרי בעל שם, יש בספר הזה ואולי יותר**".

**דער צדיק הרה"ק בעל מנוחת אשר זי"ע** האט געהאט א געוואלדיגע קשר און א קרבה יתירה און איז געווען גאר שטארק בידידות מיטן הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, און דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע פלעגט כסדר שיקן זיינע קינדער זאלן זיך גיין מסתופף זיין בצלו פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע, איינמאל ווען די קינדער זענען געפארן אויף שמחת תורה קיין צאנז, האט דער צדיק דער מנוחת אשר זי"ע געשיקט צום צאנזער רב זי"ע טאביק, און ווען מען האט געגעבן פארן דברי חיים דעם טאביק, און ער האט א שמעק געגעבן פון די טאביק, האט ער זיך אנגערופן בזה"ל, "**איך שפיר דערין א טעם ריח ניחוח, טעם גן עדן**".

**איינמאל איז געקומען צום הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע** א חסיד פונעם מנוחת אשר זי"ע, און דער הייליגער דברי חיים האט געבעטן דעם חסיד, אז ער זאל דערציילן עפעס פון די מדרגות פון זיין גרויסן רבין, האט דער חסיד דערציילט כמה מעשיות פון עושות ומופתים פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע, דאן האט ער געזאגט פארן דברי חיים זי"ע, אז זיין רבי איז קיינמאל נישט געווארן אין כעס אויף קיין שום מענטש, האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געזאגט בזה"ל, "**נאר צוליב די מדרגה אליין, איז ער ראוי צו זיין א רבי**".

**צווישן די גדולי ישראל וואס מ'טרעפט** אז זיי זאלן זיך האבן מזכיר געווען ביים הייליגען מנוחת אשר זי"ע, איז דער גרויסער גאון וגדול הדור דער לעמבערגער רב רבי יוסף שאול נאטאנזאהן זי"ע, וועלכער שרייבט זיך אונטער מיט א הזכרה אין א תשובה צום הייליגען צדיק דער מנוחת אשר זי"ע ווי פאלגענד, "יום ג' בשלח תרכ"ט לפ"ק, לבוב שלום וברכה וכ"ט לכבוד הרב הגאון הצדיק החסיד המפורסם וכו' מוה' אשר אנשיל נ"י האבדק"ק טשענגער יצו"א, מכתבו הגיענו, שמחתי בשמעי משלומו ומשלום תורתו, וגם שמחתי כי יש לו יד ושם בלימוד גפ"ת וגם בתפלות ובקשות....אלה דברי הדו"ש באהבה מבקשו שיתפלל בעדו, **הצעיר יוסף שאול הלוי נאטאנזאהן בן חנה לבריאות הגוף ולרפואה שלמה**.

און איבער דעם הזכרה פון לעמבערגער רב איז כדאי אן צומערקן אן אינטערעסאנטע עפיזאד, וואס דער אייניקעל דער דיארמאטער רב הגה"צ רבי יעקב צבי הלוי יונגרייז זי"ע האט דערציילט, אז ביים קריג ווען הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע האט זיך אויף געהאלטן אין שטאט פעסט, איז ער דער דיארמאטער רב דורך געגאנגען זיך מזכיר זיין פאר'ן בעלזא רב זי"ע, און דער גבאי האט זיך אנגערופן, אז דאס איז א "**טשענגער אייניקל**", האט דער בעלזער רב זי"ע אויף געהויבן זיינע הייליגע הענט מיט א ציטער און געזאגט, "**אה, רבי יוסף שאול איז זיך מזכיר ביי אים**".

**א איד דערציילט**, אז ער איז געפארן אויפן יארצייט ה' כסלו צום ציון הקדוש פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע, איז דארט געווען א איד וועם ער האט זייער גוט געקענט, און דער איד האט ליידער שוין געהאלטן 5 יאר נאך די חתונה און ער האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און נאכן ליידער דורך מאכן גאר שווערע רעזולטאטן און נישט זעענדיג קיין וועג ארויס, איז דער איד געקומען צום יארצייט ה' כסלו, נישט צום גלייבן, מען האלט וויניגער ווי א יאר שפעטער, און דער איד האט געמאכט א ברית ביי אונז אין ביהמ"ד, און דעם רך הנימול האט מען א נאמען געגעבן "אשר אנשיל", נאכן הייליגען צדיק דער מנוחת אשר זי"ע.

**דערציילט א איד**, אז זיי זענען געפארן אויף מקומות הקדושים אין אונגארין, און זיי האבן געהאט א עלטערע בחור בערך 24 יאר אלט וואס האט זיי ארום געפירט מיטן קאר, איינע פון די מיטרייזענדע האט געזאגט אז מען זאל פארן צום טשענגער צדיק, און ווען מען איז דארט אנגעקומען איז געווען א גרויסע התעוררות, און פארשטייט זיך אז מיר האבן אינזין געהאט אונזער דרייווער וואס ברויך א שידוך בקרוב, נישט צום גלייבן, די נסיעה איז געווען דינסטאג, און אויפן וועג צום אירפארט האט מען אנגעטראגן א שידוך פארן בחור, און דאנערשטאג צוויי טאג שפעטער איז דער בחור א חתן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

**א איד דערציילט**, אז ער איז געווען ביים יארצייט פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע ה' כסלו בשנת תשע"ט, שטייענדיג דארט ביים ציון הקדוש ריפט אים אריין זיין בני בית, און זי בעט אים זייער, אז ביי איר שוועסטער אין שטוב איז ליידער דא א טאכטער וואס איז שוין 36 יאר אלט, און ליידער ריקט זיך נישט קיין שידוך, האט די בני בית געבעטן, אז די מאן זאל אויס קלאפן יעצט דארט ביים ציון און מזכיר זיין די עלטערע מיידל אז זי זאל שוין געהאלפן ווערן מיט א שידוך בקרוב.

דער איד איז זייער נתרגש געווארן און אויס געקלאפט דארט ביים ציון אז מען זאל אינזין האבן דעם נאמען, דאס איז געווען דינסטאג נאכמיטאג, נישט צום גלייבן, אבער אויף יענעם דאנערשטאג האבן די עלטערן פונעם מיידל ב"ה געשלאסן שידוך מיט א חשובע בחור, ממש נישט צום גלייבן ווי שנעל דער צדיק האט געפועלט די ישועה, עס איז זיכער געווען בזכות של אותו צדיק וקדוש זי"ע.

**א יונגערמאן פון אמעריקע דערציילט**, אז שוין פאר א שיינע שטיק צייט פלאגט ער זיך שוין צו טרעפן א גוטע ארבעט צו ברענגען פרנסה אין שטוב, אבער וואס ער האט פראבירט האט נישט געארבעט, איין טאג האט ער געהערט פון א איד, איבער דעם צדיק דער הייליגער מנוחת אשר מטשענגער זי"ע, אז דער צדיק האט בחייו גע'פועל'ט גרויסע ישועות, האט דער יונגערמאן אנגעהויבן צינדען א ליכטל לעילוי נשמת דעם הייליגען טשענגער צדיק זי"ע, נישט צום גלייבן, צום 32'טע טאג פון צינדן א ליכט'ל יעדן טאג פארן צדיק, האט דער יונגערמאן געטראפן א גאר גוטע ארבעט.

**א יונגערמאן פון שטאט מאנסי** האט זיך זייער געמיטשעט מיטן אריבער פירן א שטאטישע פראגראם פון איין דירה צום צווייטן, ער האט דאס געברויכט ערלעדיגן ווי שנעלער, נאכן זיך ציען פאר אפאר חדשים האט זיין ווייב אנגעהויבן צינדען א ליכט'ל יעדן טאג לעילוי נשמת דעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע, נישט צום גלייבן, ביז צוויי וואכן איז דאס דורך גאר גרונג, אלעס

אין זכות פונעם צדיק וקדוש רבי אשר אנשיל ב"ר שמואל הלוי זי"ע.

**פאר א עלטערע מיידל פון איבער די 30 יאר אלט** האט זיך נישט געמאכט קיין שידוך, מען האט לעצטע יאר בשנת תשפ"ה אריבער געברענגט דעם סידור פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע וואס ליגט היינט ביי די וועד הכנסת אורחים טשענגער, צו די אפיס ווי די מיידל ארבעט, און די עלטערע מיידל האט געדאווענט אינעם סידור א תפילה, לפלא צוויי וואכן שפעטער איז די עלטערע מיידל א כלה געווארן.

**א חשובע רב אין אמעריקע האט געהאט א טאכטער**, וואס האט געהאלטן 7 יאר נאך די חתונה און האט נאכנישט געהאט קיין קינדער, איין טאג האט זיך דער טאטע אויפגעהויבן מיטן טאכטער און איידעם, און זיי זענען אריבער געפארן קיין טשענגער צום ציון קדשו פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע, ב"ה א חודש נאכן צוריק קומען איז שוין געווען גוטע נייעס, איז דער איד אריבער צום סקולענער רבי, און האט דערציילט די גאנצע מעשה.

און דער איד האט געזאגט, אז ער טראכט סיי ווי צו פארן קיין קאלוב ז' אדר, וועט ער שוין דאן אריבער פארן אויך קיין טשענגער צו זאגן א יישר כח פארן הייליגען מנוחת אשר פארן ישועה, האט דער הייליגער סקולענער רבי געזאגט, ניין נישט ווארטן ביז ז' אדר, נאר מען זאל זיך תיכף אויפהייבן און יעצט גיין דאנקען דעם צדיק פאר די ישועה, ווייל צדיקים ווארטן באמת אז מען זאל צוריק קומען זאגן יישר כח, ב"ה 10 חדשים שפעטער איז געבוירן געווארן א געזונט קינד צום טאכטער.

**א יוגערמאן וואס האט געהאלטן 5 יאר נאך די חתונה** און ליידער איז ער נאכנישט געהאלפן געווארן מיט קיין זש"ק, פארשטייט זיך אז דער יונגערמאן האט פראבירט אלעס אין די וועלט צו קענען זוכה זיין צו האלזן א אייגען קינד, איין טאג האט ער געהערט, אז עס גייט זיין די יארצייט פונעם מופת הדור דער הייליגער מנוחת אשר פון טשענגער זי"ע, און אידן האבן דערציילט גרויסע ישועות וואס מען קען דארט פועל'ן, האט זיך דער יונגערמאן אויפגעהויבן און געפארן צום יארצייט, 10 חדשים שפעטער איז ביי דעם יונגערמאן געבוירן געווארן א געזונט קינד בשעה טובה ומוצלחת.

**א איד פון בארא פארק האט דערציילט** ביים ברית פון זיין ערשטע איר אייניקל, אז זיין אייניקל האט געווארט מיט זיין ערשטע איר אייניקל, און ל"ע די דאקטורים האבן פאר געזאגט, אז דאס קינד וועט זיין א נישט געזונט קינד, דער איד האט אריין געריפן צו די וועד הכנסת אורחים טשענגער, און געבעטן אז מען זאל אריין לייגן א קוויטל אינעם סידור פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע, און אזוי האט ער געטון יעדע פאר וואכן, צום וואונדער פון די דאקטורים איז צו זיי געבוירן געווארן א געזונט קינד, אין זכות פונעם חפץ של צדיק זי"ע.

**די יאר איז א קבוצה פון בחורים געפארן** אויף א נסיעה קיין אוהעל צום ציון קדשו פונעם הייליגען ישמח משה זי"ע, איין נאכט איז די קבוצה איינגעשטאנען אין שטאט טשענגער, איינע פון די בחורים איז ארויף צום ציון פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע, און האט זיך פאר גענומען, אז אויב ווערט ער א חתן ביז 40 טאג, וועט ער צוריק קומען זאגן א יישר כח פארן צדיק, נישט צום גלייבן, צום 38'טע טאג איז דער בחור א חתן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

**איינמאל איז א מאמע געקומען מיט איר קינד צום הייליגען מנוחת אשר זי"ע**, און זי האט מזכיר געווען איר קינד אז ער ליידט פון א שרעקליכע מחלה און האט געפערליכע יסורים, און זי האט שוין דעם קינד געטראגן צו גרויסע דאקטורים, אבער ליידער קען קיינע פון זיי נישט העלפן פארן קינד, און די מאמע האט געבעטן דעם צדיק אז ער זאל אויס פועלען א ישועה פארן קינד, האט דער צדיק אראפ גענומען זיין קאפל פון אונטער זיין הוט, און ער האט אריין געזאגט אפאר ווערטער אינעם קאפל, און ער האט אנגעטון דעם קאפל פארן קינד, לפלא איז דער קינד געזונט געווארן און מער קיינמאל אין לעבן נישט געליטן אויף יענע מחלה.

**א משפחה אין אמעריקע דערציילט**, אז מען האט ליידער ביי א קינד זייערע אנדעקט א שרעקליכע מחלה, מען איז געלאפן פון דאקטאר צו דאקטאר, אבער אלע האבן באשטעטיגט אז ליידער איז די מצב ביטער, מען קען זיך נישט פארשטעלן די צער און עגמת נפש פון די עלטערן, דער טאטע האט איין טאג אפ געמאכט זיך אריבער צו כאפן קיין טשענגער, הערענדיג פון אידן דעם גרויסן כוח פון דעם צדיק וקדוש ובפרט בעניני רפואה.

זייענדיג שוין אינטערוועגענס אין אונגארין קיין טשענגער, ריפט אים זיין בני בית און זאגט אים, איך בין יעצט אויפן וועג צו א גרויסע דאקטאר צו מאכן א פרישע קעט-סקען, איך בעט דיך רייס איין ביים צדיק פאר א רפואה, דער איד איז אנגעקומען צו ציון הקדוש אין טשענגער, און ער האט איינגעריסן מיט בכיות צום צדיק אז ער זאל פועלען א ישועה פארן קינד, נאך א שעה צייט איז דער איד אוועק געפארן פונעם ציון, שפירענדיג ביי זיך אז ער האט זיכער געפועלט א ישועה אי"ה.

ממש דאן ריפט אים אן זיין בני בית און זי איז ממש היסטעריש און זאגט, די וועסט נישט גלייבן וואס איך זאג דיר, די פרישע קעט-סקען וואס מען האט נאר וואס גענומען ווייזט נישט קיין מינדעסטע צייכן פון די מחלה, עס איז בדרך נס ממש פארשווינדן געווארן בחסדי ד', איך בין זיכער און איך גלייב, אז דאס איז געווען בזכות פון דעם גרויסן צדיק וקדוש דער מנוחת אשר זי"ע "**מה כאן עומד ומשמש, אף שם עומד ומשמש**".

**א איד דערציילט**, אז ליידער ער האט געהאט א גרוש ביי זיך אינדערהיים און אויך א עלטערע בחור וואס עס האט זיך ליידער נישט געריקט קיין שידוכים, און ער האט שוין נישט געוויסט וואס צו טון, בשנת תשפ"ד איז ער געפארן אויפן יארצייט ה' כסלו קיין טשענגער צום צדיק וקדוש דער מנוחת אשר זי"ע, דערציילט דער איד, עס איז נאכנישט קיין יאר פונעם יארצייט, און ער האט שוין א שידוך געטון מיט דעם גרוש און דעם עלטערן בחור בשעה טובה ומוצלחת.

**יארצייט**
**מיטוואך ו' כסלו**

**הגה"ק רבי מנחם ב"ר מאיר זי"ע, (אייזענשטאט),**
**בעל חומת א"ש, אב"ד חוסט אונגווער,**

ער איז געבוירן אין שטאט אונגווער, בשנת תקס"ח.

צו זיין טאטע הגה"ק רבי מאיר א"ש בעל מהר"ם א"ש אב"ד אונגוואר זי"ע,
בן הגה"ק רבי יהודה לייב הש"ץ בקהלת אייזנשטאט זי"ע,
בן הגה"ק רבי מאיר אב"ד יאקא זי"ע, מגורשי פולין מק"ק פינטשוב.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת חנה ע"ה,
בת הגה"ק רבי דוד דייטש בעל אהל דוד אב"ד נאוועמעסטא זי"ע,
בן הגה"ק רבי מנחם מענדל אב"ד טיטשאף זי"ע,
בן הגה"ק רבי מרדכי בעל מור דרור זי"ע,
עס איז געווען מקובל אין די משפחה, אז זיי שטאמען פון רבינו יהודה החסיד זי"ע.

ער איז געווען א גאון מובהק און א צדיק יסוד עולם סיני עוקר הרים, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מחדש נפלא, ער פלעגט לערנען תורה מיט א געוואלדיגע התמדה ממש ביז עס האט זיך אים אויס געלאזט זיינע כוחות, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים וגדולים בתורה, ער האט פאר די תלמידים כסדר מוסר געזאגט אבער מיט זיין געוואלדיגע לשון למודים וואס זענען געווען דברים היוצאים מן הלב ונכנסים אל הלב, פזר נתן לאביונים ער האט גאר גרויסע סכומים אויס געטיילט פאר ארימעלייט און פאר עניי ארץ ישראל.

גאנץ אנפאנג האט ער געלערנט ביי זיין גרויסן טאטן וואס האט אין דעם זון גאר אסאך תורה אריין געלייגט, ער איז שוין יונגערהייט געווען באוויסט אלס א גאון בתורה און א מתמיד עצום, ער האט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, שפעטער האט ער מקיים געווען דעם הוי גולה למקום תורה און ארום געפארן לערנען אין אנדערע ישיבות.

ער האט חתונה געהאט בזיווג ראשון מיט דעם טאכטער פון הרבני הנגיד רבי אלחנן דוב הכהן ראטה מליסקא ז"ל, אבער ליידער האט זי נישט מאריך ימים געווען.

בזיווג שני האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רבקה רחל ע"ה,
בת הרבני הנגדי רבי שמואל סג"ל הורוויץ מליסקא ז"ל,
א אייניקל פונעם של"ה הקדוש זי"ע.

נאך די חתונה האט ער געהארעוועט אויף תורה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז דארט אין ליסקא שוין געווען מפורסם מיט זיין גדלות בתורה, דארט האט ער זיך גאר שטארק מקשר געווען מיט דעם צדיק הרה"ק רבי צבי הירש בעל אך פרי תבואה מליסקא זי"ע, מען דערציילט, אז ווען דער צדיק פלעגט פארן צו זיין טאטן דער הייליגער מהר"ם א"ש זי"ע אויף א שבת, פלעגט דער טאטע כסדר בעטן, אז ער זאל איבער זאגן א דבר תורה פון זיין חבר דער הייליגער ליסקער רב זי"ע.

אפאר יאר נאך די חתונה, האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט סערעדנא, בשנת תר"ה איז ער געווארן רב אין דעם גרויסן שטאט חוסט, דארט האט ער מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים און גדולים בתורה, ער האט געהאט א געוואלדיגע קשר מיט די תלמידים און זיך אוועק געגעבן פאר זיי מיטן גאנצן הארץ און אריין געלייגט אין די תלמידים תורה ויראת שמים און ברען צו עבודת השם.

כ"ד טבת בשנת תרי"ב ווען זיין הייליגע טאטע דער מהר"ם א"ש זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען דאן אויף גענומען דעם זון רבי מנחם אלס ממלא מקום, אויך האט ער דאן עוסק געווען און דריקן די הייליגע ספר פונעם טאטן זכרון יהודה.

ער האט איבער געלאזט נאך זיך תלמידים גאונים וגדולים בתורה ובתוכם.

הגה"ק רבי אליעזר דייטש בעל פרי השדה אב"ד באניהאד זי"ע,
הגה"ק רבי אברהם חיים איינהארן בעל עצי העולה ממאסיעף זי"ע,
הגה"ק רבי טוביה ראזענטהאל בעל שושן עמק מבאניהאד זי"ע,
הרה"ק רבי יוסף מאיר ווייס בעל אמרי יוסף מספינקא זי"ע,
הגה"ק רבי יצחק ווערצבערגער דומ"ץ דעעש זי"ע,
הגה"ק רבי ישכר דוב קאהן בעל בינת יששכר אב"ד ערדי סענזשארץ זי"ע,
הגה"ק רבי יחזקאל גראספעלד בעל אוהל מועד אב"ד טשאפ זי"ע,
הגה"ק רבי פנחס שטיין בעל קנאת פנחס אב"ד מיקלאש זי"ע,
הגה"ק רבי שלום גאלדענבערג בעל דברי שלום אב"ד סוואליווע זי"ע.

אין ספר עולמו של אבא ווערט געברענגט, אז דער צדיק פלעגט מקפיד זיין צו זאגן שארפע מוסר פאר די תלמידים, אבער גלייך נאכדעם האט ער איבער געבעטן זיינע תלמידים מיט ווארעמע ווערטער און געזאגט, געווענליך נאר אויף א בוים וואס האט פירות און זעהט אויס שיין ווארפט מען שטיינער, אבער אויף א ליידיגע בוים נישט, דאס זעלבע איז מיט מוסר, ווייל מוסר זאגט מען נאר פאר א איד וואס האט אין זיך תורה און יראת שמים און מצוות ומעשים טובים, אבער פאר איינעם וואס האט נישט די אלע זאכן זאגט מען נישט קיין מוסר.

ער האט עוסק געווען אין צדקה וחסד מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, ער האט זיך אוועק געגעבן יעדן טאג פאר די צובראכענע אידן און די ארימעלייט פון שטאט און געזארגט אז זיי זאלן האבן עסן און אלעס וואס זיי האבן געברויכט, אויך האט ער מייסד געווען בשנת תרי"ח צוזאמען מיט הגה"ק בעל כתב סופר זי"ע דעם קופת כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס פאר די עניי ארץ ישראל.

ער האט זיך גאר שטארק מוסר נפש געווען צו מזהיר זיין אידן אז מען זאל ח"ו נישט מבטל זיין קיין מנהג ישראל וואס מען האט מקבל געווען מאבותינו הקודמים, ער איז געווען פון די ראש

המדברים ביי די אסיפת הרבנים פאר די פרימע קהילות, אויך איז ער געווען פון די וואס זענען אריבער צום קיסר פראנץ יוזעף צו פויעלען אסאך טובות פאר אידישע קינדער.

מען דערציילט, אז ווען דער צדיק האט אנגעהויבן רעדן צום קיסר, האט דער צדיק אויס געבראכן אין א שרעקליכע געוויין, דער קיסר האט זיך זייער דערשראקן און געפרעגט וואס עס גייט דא פאר, האט מען מסביר געווען פארן קיסר, אז די גאנצע ענין טרעט צו ממש צום געזונט פונעם צדיק, און ווען דער קיסר האט געזען ווי דער צדיק מיינט נאר דא די טובה פון כלל ישראל, איז ער געווארן גאר שטארק איבער גענומען און דער צדיק מיט זיינע אמת'ע טרערן האט אויס גע'פועל'ט א ישועה פאר די אידן פון הונגריה.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אינעם ספר חומת א"ש.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הגה"ק רבי דוד אב"ד סאבראנץ זי"ע,
הגה"ק רבי מאיר א"ש אב"ד וואלאווע זי"ע, חתן הגה"ק רבי שמואל עהרענפעלד בעל חתן סופר אב"ד מאטערסדארף זי"ע,
חתנו הגה"ק רבי יעקב גרינוואלד זי"ע,
חתנו הגה"ק רבי יוסף פריעד ממאזשאי זי"ע.

בשנת תר"ל זיבן טאג בעפאר זיין פטירה, איז דער צדיק וקדוש ליידער קראנק געווארן און געלעגן אין גרויסע יסורים, גאונים און גדולים זענען געקומען מבקר חולה זיין דעם צדיק, דער צדיק האט יעדן איינעם מקבל געווען מיט כבוד, אויך האט ער געבעטן יעדן איינעם צו געבן די האנט און וואונטשן א רפואה שלימה.

ווען זיין איידעם הגה"ק רבי יעקב גרינוואלד זי"ע וואס איז געווען שטארק מקושר צום שווער, איז געקומען אים מבקר חולה זיין, האט אים דער צדיק געזאגט די סיבה פארוואס ער בעט יעדן איינעם די האנט און א ברכה, ווייל חז"ל זאגן (ברכות ה') רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא חֲלַשׁ. עָל לְגַבֵּיהּ רַבִּי יוֹחָנָן אֲמַר לֵיהּ: חֲבִיבִין עָלֶיךָ יִסּוּרִין, אֲמַר לֵיהּ: לֹא הֵן וְלֹא שְׂכָרָן. אֲמַר לֵיהּ: הַב לִי יְדָךְ. יְהַב לֵיהּ יְדֵיהּ, וְאוֹקְמֵיהּ, און דערפאר האפט ער אז איינער כאטש וואס וועט אים געבן די האנט, וועט זיין אויף דעם מדריגה און דער ריכטיגער מענטש וואס זאל אים אויסהיילן.

מיטוואך פרשת ויצא ו' כסלו בשנת תר"ל די טאג פון זיין הסתלקות, האט דער גאון געבעטן אז מען זאל אים אנטון פרישע זויבערע מלבושים, דאן האט ער געבעטן זיין שבת'דיגע טלית און געלייגט תפילין צו דאווענען שחרית, אבער בעפאר ער האט נאך גענדיגט דאווענען זייענדיג מעוטף אין זיין טלית האט דער צדיק וקדוש צוריק געגעבן זיין הייליגע נשמה ליוצרה.

זיין חבר נאמן הרה"ק בעל אך פרי תבואה מליסקא זי"ע האט דעם צדיק מספיד געווען מיט טרערן ביי זיך אין ביהמ"ד אין שטאט ליסקא, און בשעת דעם הספיד האט ער געוויזן מיט די פינגער צום קרן מזרחית צפונית פונעם ביהמ"ד און געזאגט בזה"ל, "כאן שפך אותו הצדיק את לבו בדמעות נכח פני השי"ת, והנה הצדיק הזה הוא ידוע שהי' איש תמים במעשיו ופיו וליבו היו שווים ובודאי רבים עשו תשובה על ידו ע"כ יש לקונן עליו", און דער הייליגער צדיק מליסקא האט צו געלייגט "כשנפטר רבינו נדמה לו כאילו ניטל הגג מן הבית".

נסתלק לגנזי מרומים ו' כסלו בשנת תר"ל, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט אונגוואר, נעבן זיין הייליגען טאטן דער מהר"ם א"ש זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**דאנערשטאג ז' כסלו**

**הרה"ק רבי אהרן (ארון) ב"ר קלונימוס קלמן הלוי זי"ע,**
**(אפשטיין), מקראקא,**
**"הנקרא ר' ארון קראקאווער, אדער דער הויכער ר' ארון",**

ער איז געבוירן אין שטאט קראקא, בשנת תקנ"ה.

צו זיין טאטן הרה"ק רבי קלונימוס קלמן הלוי אפשטיין בעל מאור ושמש מקראקא זי"ע,
בן הרה"ק רבי אהרן הלוי אפשטיין זי"ע.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת מילכה ראדל ע"ה,
בת הנגיד רבי מרדכי גוטלאד זי"ע.

ווערט דערציילט, אז דער טאטע דער הייליגער מאור ושמש זי"ע האט געזאגט בעפאר זיין פטירה פארן זון רבי אהרן זי"ע, און פארן זון הרה"ק דער גוטער איד מניישטאט זי"ע, אז ווען זיי וועלן ברויכן געלט, זאלן זיי אריין לייגן די האנט אין טאש, און זיי וועלן דארט טרעפן געלט, אבער די צוויי קדושים האבן דעם ברכה פונעם טאטן נישט געניצט, חוץ צוויי מאל ווען זיי האבן דאס באמת געברויכט.

ער איז געווען א איש אלוקים קדוש וטהור נורא מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א גדול וגאון און א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען א בורח מן הכבוד און נישט נושא פנים געווען פאר קיינעם, דער צדיק האט נישט געקענט פארטראגן קיין ליגענט און געווען גאר גרויס אין מידות האמת, ער האט נישט געוואלט פירן קיין רבנות און זיך אייביג דערוואטערט פון כבוד, אבער הונדערטער אידן האבן זיך צו אים מדבק געווען, ער האט מיט זיין גרויסקייט מעורר געווען אידן צו ווערן נאנט צום באשעפער און געווען א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

ער איז נתגדל געווארן ביי זיין גרויסן טאטן אין שטאט קראקא, און רוב פון זיין תורה און עבודת השם האט דער צדיק קונה געווען פון זיין גרויסן טאטן.

ער האט חתונה געהאט מיטן טאכטער פון הרה"ק רבי יוסף מטורטשין זי"ע,
בן הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע,
נישט אסאך נאך די חתונה האט ער געהאט א קינד וואס איז ליידער נפטר געווארן אלס יונג קינד, און ליידער האט ער שוין נישט געהאט נאך קינדער.

נאך די חתונה איז דער צדיק געזעצן על שולחן חמיו פאר אפאר יאר, אויך האט ער דאן זוכה געווען זיך מסתופף צו זיין בצלו פון זיין הייליגען זיידן דער חוזה מלובלין זי"ע, יענע צייט האט דער צדיק געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז געווען באוויסט אלס א קדוש וטהור און א גרויסע עובד השם, זיין עבודת התפלה איז געווען מיט א געוואלדיגע אש קודש אבער מיט א געוואלדיגע באהאלטנקייט.

בשנת תקפ"ג א' תמוז ווען זיין טאטע דער הייליגער מאור ושמש זי"ע איז נסתלק געווארן, האט דער זון רבי אהרן נישט געוואלט נעמען דאס רבנות אלס ממלא מקום, ער האט דאן עוסק געווען און דריקן די הייליגע דברי תורה פון זיין טאטן, ער האט דאן איבער געגעבן די דברי תורה פון זיין טאטן פאר הגה"ק רבי משה יעקב שארף בעל דרכי יושר זי"ע הנקרא ר' יעק'לע אושפצינער זי"ע, און ער האט דעם ספר משלם געווען צום דריק.

בשנת ת"ר ווען דער ספר איז שוין געווען גרייט צום דריק, איז ער ארום פאר הסכמות צו צדיקי הדור ובתוכם הגה"ק בעל ארי' דבי עילאי זי"ע וואס האט געהייסן אז מען זאל דעם ספר געבן דעם נאמען "מאור ושמש" און די טעם איז געווען, ווייל די הייליגע דברי תורה פונעם טאטן באלייכטן די אויגן פון אידישע קינדער מיט די קדושה כלשון קדשו, "המשכילים יזהירו כזוהר הרקיע וכשמש וירח", בשנת תר"ב איז די ספר ארויס געקומען דאס ערשטע מאל.

ער האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען די רבנות אין שטאט קראקא, וויבאלד ער האט נישט געוואלט אז דאס זאל אוועק נעמען זיין צייט פון דריקן דעם ספר פון זיין טאטן, דער צדיק רבי ארון האט געזאגט, אז ער ארבעט אויפן ספר אז עס זאל זיין פאר כלל ישראל, הרה"ק רבי שלמה הראשון מבאבוב זי"ע, האט געזאגט, אז דער ספר מאור ושמש איז אויף חסידות, אזוי ווי דער שלחן ערוך איז אויף הלכה.

אפילו ער איז נישט געווען קיין רב, האט ער אבער אויף געשטעלט דאס ערשטע ביהמ"ד פאר חסידים אין שטאט קראקא נאך יארן וואס די מתנגדים האבן דאס נישט צו געלאזט, מען האט דעם ביהמ"ד געריפן "ר' ארון'ס קלויז", עס איז געווען פון די שענסטע בתי מדרשים אין דעם גאנצן געגענט, ער איז לימים געווארן פון די ראשי העדה וואס האבן אונטער געשריבן אויפן כתב הרבנות פון הגה"ק רבי שמעון סופר זי"ע דער צווייטער זון פונעם הייליגען חתם סופר זי"ע ווערנדיג רב אין שטאט קראקא.

ער איז געווען מקושר און זיך מסתופף געווען ביי רוב פון די צדיקים בדורו, אפילו די רבנים און צדיקים וואס זענען געווען גאר אסאך יונגער פון אים, האט זיך אבער דער רבי ארון זי"ע מסתופף געווען בצלום און געשטאנען ביי זיי ווי א חסיד ביי זיין רבין, אפילו ער איז באמת געווען א קדוש וטהור און ראוי צו פירן אליין א גרויסע קהלה, זיין עניוות איז געווען גאר גרויס, ער האט פון זיך בכלל נישט געהאלטן און מקרב געווען יעדן איד מיט א געוואלדיגע אהבה.

ער האט געהאט א ספעציעלע קרבות צום הייליגען תפארת שלמה מרדומסק זי"ע, איינמאל ווען רבי ארון איז געפארן צום צדיק, דער הייליגער תפארת שלמה, איז געווען א גרויס געדרענג בשעת די תורה זאגן, אלע חסידים האבן זיך געשטיפט צו הערן די תורה פונעם הייליגען תפארת שלמה זי"ע, רבי ארון איז אבער געווען א גרויסער עניו און ער האט זיך געשטעלט אין די זייט און פרובירט פון דארט צו הערן די תורה פונעם רבין.

דער תפארת שלמה האט דאס באמערקט, האט ער זיך אנגערופן, חז"ל זאגן (מגילה י:) מקום ארון אינו מן המדה, דער ארון האט נישט פארנומען קיין פלאץ אין קודש הקדשים, מיט

דעם אלעם האט מען די לוחות אריינגעלייגט דווקא אין די ארון, ווייל די תורה גייט נאר אריין אין אזא איינעם וואס פארנעמט נישט קיין ארט.

איין וואך שבת קודש איז דער צדיק הרה"ק רבי ארון מקראקא הנקרא דער הויכער ר' ארון זי"ע, געווען ביים צדיק הרה"ק המגיד מטריסק זי"ע, ביים טיש ווען ר' ארון האט געזען אז דער צדיק מטריסק עסט גארנישט, האט ער געפרעגט דעם צדיק פארוואס ער עסט גארנישט.

האט דער הייליגער מגיד מטריסק געזאגט, אז ער איז א אונס, ווייל ער קען נישט אריינלייגן קיין מאכל אין זיין מויל, האט דער צדיק ר' ארון אים געפרעגט פארוואס נישט, האט דער מגיד געזאגט, ווייל ער קען נישט שלאפן, און דערפאר קען ער נישט עסן אויך נישט, און דער צדיק מטריסק האט געזאגט, איך וועל אייך דערציילן די מעשה.

דער טאטע דער הייליגער מגיד מטשערנאביל זי"ע פלעגט אונז אסאך מיט נעמען אויף זיינע הייליגע נסיעות, ווען ער האט אפגעראכטען תיקון נשמות און עניינים נסתרים וגבוהים, און ער האט דאן מפרנס געווען די ל"ו צדיקים נסתרים.

איינמאל האט ער אונז מיט גענומען אויף א נסיעה, און מען איז אנגעקומען צו א קרעטשמע, און דארט איז געווען אסאך מענטשן וואס זענען געקומען טרינקען ביים קרעטשמע, דער טאטע האט געבעטן אז מען זאל מאכן א מחיצה ווי ער זאל זיך קענען דארט אויפהאלטן ווילאנג ער איז דארט אז ער זאל קענען עוסק זיין אין זיין עבודה אומגעשטערט.

נאך א שטיק צייט איז אנגעקומען א וואגן ווי עס איז געזעצן א אלטער איד וואס איז געווען גאר קראנק און פיל מיט וואונדען, און דער אלטער איד האט געפרעגט, אויב דער מגיד פון טשערנאביל איז דא, דער טאטע איז ארויס מיט א שמחה מקבל פנים זיין דעם איד, און מען האט דעם איד אריין געברענגט אין שטוב, און דער טאטע איז געזעצן מיט דעם איד און פארברענגט אונטערן פירהאנג.

ווען דער איד האט זיך געגרייט אוועק צו גיין, האט דער טאטע אונז געבעטן, אז מיר זאלן העלפן פאר דעם איד ארויס צו גיין, וויבאלד ער איז אזוי שוואך אין קראנק, ווען אונז האבן דעם איד געהאלפן ארויס גיין, האט דער איד גאר שטארק געקרעכצט, און עס האט אונז אלע געכאפט א שרעקליכע פחד, און ממש מיט ניסים האט מען באוויזן ארויס צו טראגן דעם איד און אריינלייגען אינעם וואגן, און ער איז אוועק געפארן.

ווען אונז זענמיר צוריק אריין צום טאטן, און דערציילט, אז עס האט אונז אלע אנגעכאפט א גרויסע פחד בשעת מען האט זיך מטפל געווען מיט דעם איד, צוזעענדיג די גרויסע יסורים פון דעם זקן,

האט דער טאטע געפרעגט, ווייסט עטץ ווער דער זקן איז געווען, דאס איז משיח צדקנו, וואס אויף משיח שטייט, וְהוּא מְחֹלָל מִפְּשָׁעֵנוּ מְדֻכָּא מֵעֲוֹנֹתֵינוּ, און ביז עס איז נאכנישט געקומען די גאולה שלימה, ליידט משיח צדקינו יסורים נוראים וועגן די עוונות פון כלל ישראל און וועגן די צער השכינה.

דאן האט דער הייליגער טריסקער מגיד צוגעענדיגט פאר רבי ארון זי"ע, פון די מעשה ווען איך האב געזען די צער און ווייטאג פון משיח צדקנו, קען איך מער נישט שלאפן אדער עסן.

ר' ארון קראקאווער, האט געהאט א ספעציעלע קירבה ביים הייליגען תפארת שלמה זי"ע, און די רבי האט כמה פעמים געזאגט אויפן תלמיד, "הארון נושא את נושאיו", און דער תפארת שלמה זי"ע האט געזאגט, אז דער צדיק וקדוש ר' ארון איז משפיע פרנסה פאר אלע וואס קומען צו אים, ר' ארון פלעגט קומען צום הייליגען תפארת שלמה מרדומסק זי"ע צוויי מאל א יאר, "יום כיפור, און שבועות".

בשנת תרכ"ו האט פאר רבי ארון געכאפט א חשק צו קומען צום רבין חודש אדר, און ער איז אנגעקומען דאנערשטאג קיין ראדומסק, ווען ער איז אריין געקומען געבן שלום פארן רבין, האט אים די רבי מקבל געווען מיט א מוראדיגע שמחה און געזאגט, חז"ל זאגן דאך "הארון נושא את נושאיו", דער תלמיד ר' ארון האט גלייך פארשטאנען, אז די רבי איז מרמז זיין פטירה, און טאקע יענעם נאכט ליל שישי כ"ט אדר איז די רבי דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע נסתלק געווארן.

ווען מען האט געענדיגט מאכן די טהרה, האבן די חברה קדישא געזעהן אז פונעם נאז פונעם רבין דער הייליגער תפארת שלמה רינט בלוט, און דאס האט אפ געהאלטן די לוי', איז די תלמיד רבי ארון צו געגאנגען צום רבין און אריין געזאגט אונעם אויער, די רבי זאל וויסן אז עס איז ערב שבת קודש און די זמן איז קורץ, דערוועגן בעט איך אז די רבי זאל אפשטעלן דאס בלוט, כדי מען זאל קענען מאכן דעם לוי' און נישט ח"ו קומען לידי חילול שבת.

גלייך האט דאס בלוט אויף געהערט און מען איז געגאנגען צו די לוי', און טאקע ווי די רבי האט יארן פריער געזאגט, "הארון נושא את נושאיו", איז זיין תלמיד רבי אהרן געווען פון די נושאי המיטה.

נאכן פטירה פונעם הייליגען תפארת שלמה מרדומסק זי"ע, האט זיך רבי ארון מדבק געווען אינעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, איין מאל ווען ער איז געווען אין צאנז, איז געקומען די בשורה, אז עס איז נסתלק געווארן אין שטאט קראקא הרה"ק רבי שלמה זלמן מוויעליפאלי זי"ע, און מען האט דעם צדיק געלייגט אויף די רעכטע זייט פונעם הייליגען מאור ושמש זי"ע.

דער זון פונעם מאור ושמש רבי ארון זי"ע האט געהאט פון דעם גאר שטארקע חלישת הדעת, וויבאלד דער טאטע איז געלעגן ביים וואנט פון דעם ביה"ח, און די חלקה נעבן דעם טאטן איז געווען אוועק געלייגט פאר אים לאחר מאה ועשרים, אבער יעצט האט מען געלייגט רבי שלמה זלמן זי"ע דארט.

און די מעשה פארוואס מען האט דעם צדיק רבי שלמה זלמן זי"ע געלייגט נעבן דעם מאור ושמש זי"ע איז געווען, ווייל ווען דער צדיק רבי שלמה זלמן איז געווען א קינד, איז איינמאל דער הייליגער מאור ושמש זי"ע דורך געפארן דעם שטאט פאצינוב ווי

דער טאטע פון רבי שלמה זלמן האט געוואוינט, און דער הייליגער מאור ושמש איז איין געשטאנען ביי זיי אין שטוב, און מען האט פארן הייליגען מאור ושמש אוועק געגעבן דעם בעט פונעם קינד שלמה זלמן.

דער קינד שלמה זלמן ווען ער האט געהערט אז מען האט זיין בעט אוועק געגעבן פארן צדיק, האט זייער געוויינט אז מען האט זיין בעט אוועק געגעבן, ווען דער מאור ושמש האט געהערט ווי דאס קינד וויינט, האט ער דעם קינד געבעטן אריין צו קומען אין בעט מיט אים, צופרי ווען די עלטערן האבן געבעטן מחילה פונעם הייליגען מאור ושמש, אז עס איז אים זיכער נישט געווען אזוי געשמאק צו שלאפן אינעם בעט מיטן קינד, האט דער הייליגער מאור ושמש געזאגט בזה"ל, "מיט דעם קינד איז געווען א געשמאק צו שלאפן", און דאס האט דער צדיק גענומען אלס א סימן אז ער וועט זוכה זיין צו ליגן נעבן דעם צדיק לאחר מאה ועשרים שנה.

ווען דער הייליגער רבי ארון זי"ע איז אריין צום צאנזער רב זי"ע און זיך אויס גערעדט אז מען האט אים אוועק גענומען זיין חלקה נעבן זיין טאטן אין קראקא, האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געזאגט, עס איז דאך נישט געווען קיין פלאץ פאר רבי שלמה זלמן אויך נישט, וויבאלד די ביה"ח איז גאר א קליינע און עס איז געווען ממש פיל, אויב האט מען געטראפן פאר אים א פלאץ, וועט מען פאר דיר אויך טרעפן א פלאץ, דערפאר האט רבי ארון געשריבן א צוואה אז מען זאל אים לייגן נעבן דעם טאטן.

ווען דער צדיק איז נסתלק געווארן און מען האט אויף געמאכט דעם צוואה, זענען די חברה קדישא דערציטערט געווארן, וויבאלד זיי האבן דאך געוויסט אז עס איז נישט דא קיין פלאץ נעבן דעם הייליגען מאור ושמש, אבער לפלא ווען מען האט דעם גוף קדוש געברענגט לקבורה, האט מען געטראפן א פלאץ אויפן לינקען זייט פונעם טאטן, און דארט איז דער צדיק נטמן געווארן.

דער הייליגער צדיק וקדוש רבי ארון זי"ע האט גאר שטארק מאריך ימים געווען קרוב צו די 90 יאר, ליידער האט דער צדיק נישט איבער געלאזט קיין זש"ק.

נסתלק לגנזי מרומים ז' כסלו בשנת תרמ"ב, ומנוחתו כבוד איז סמוך ונראה צום טאטן אין ביה"ח אין שטאט קראקא.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**הרה"ק רבי שלמה שפירא בעל שם משלמה ממונקאטש זי"ע** האט מקפיד געווען, נישט צו זאגן שבת קודש ביים טיש קיין תורה, נאר נאכדעם וואס מען האט שוין געענדיגט עסן, און ער האט געזאגט דעם טעם בשם הרה"ק רבי אהרן מקראקא זי"ע.

אז זיין טאטע דער הייליגער מאור ושמש זי"ע פלעגט יא זאגן תורה צווישן איין מאכל און די אנדערע, און דער טאטע פלעגט דאך זאגן גאר טיפע און לאנגע תורות, און וועגן דעם איז אויס געקומען אז דאס עסן איז קאלט געווארן, און מען האט אים מגלה געווען פון הימל, אז מען האט אויף דעם אן הקפדה אז ער לאזט דאס עסן פון שבת קודש קאלט ווערן, און וועגן דעם האט דער הייליגער שם משלמה מקפיד געווען, צו ווארטן ביז נאכדעם וואס מען האט געענדיגט די גאנצע סעודה.

**אין ספר רבינו הקדוש מצאנז ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי ארון מקראקא זי"ע דער זוהן פונעם הייליגען מאור ושמש זי"ע געווען אויף די עלטער אין שטאט קשאנוב אויף א שבת קודש, שבת ביינאכט האט דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע געמאכט קידוש, דערנאך האט מען געגעבן פארן צדיק רבי ארון א כוס אז ער זאל אויך קידוש מאכן.

אבער דאן האט דער צדיק רבי ארון מקראקא זי"ע געזאגט פאר די חסידים, הערט וואס איך זאג אייך, איך האב זוכה געווען צו זיין אין לובלין און צו קענען אסאך צדיקי הדור, אלע מעלות וואס איך האב געזעהן ביי די צדיקים, און אפילו אסאך מער ווי דעם האב איך געזען ביים הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, יעצט אויף די עלטערע יארן האב איך שוין נישט קיין כוח ארום צו פארן צי די צדיקי הדור וואס וואוינען ווייט אוועק, דערפאר בין איך געקומען אהער קיין קשאנוב וואס איז נאנט צו קראקא, אבער איך זאג אייך, דער צדיק רבי דוד איז באמת א רבי, און דער צדיק רבי ארון מקראקא זי"ע האט שוין נישט געוואלט אליין קידוש מאכן.

**הרה"ק רבי ארון מקראקא זי"ע** דער גרויסער זון פונעם הייליגען מאור ושמש זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז ער געפארן מיטן טאטן צום ציון פון זיין רבין דער הייליגער נועם אלימלך זי"ע, און דער מאור ושמש האט זייער געבעטן פון זיינע תלמידים און פון זיין זון אז קיינער זאל נישט אריינקומען מיט אים אונעם אוהל.

טאקע ווען מען איז אנגעקומען, איז דער מאור ושמש אליין אריין און זיך פארשפארט אונעם אוהל, אבער ווען זיי האבן געזען אז עס נעמט שוין גאר לאנג און דער צדיק קומט נישט ארויס, האבן זיי אויף געמאכט דעם טיר מיט געוואלד, און זיי האבן געזען דעם צדיק דער מאור ושמש אויס געלייגט אויפן ציון בפישוט ידים ורגלים, אין ער איז געווען אין א מוראדיגע דביקות, מען האט אים פראבירט אויף צו וועקן פון זיין דביקות, אבער עס איז נישט געגאנגען, האט מען אים מיט געוואלד אויפגעוועקט.

ווען דער מאור ושמש האט זיך דערוועקט האט ער געזאגט מיט א צובראכענקייט, "וואס האט עטץ מיר געטוהן, ווען עטץ וואלט מיר געלאזט ליגען פאר נאך איין מינוט, וואלט איך געגאנגען מיט דעם רבין אין גן עדן אריין", און ווי מען פארציילט האט דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע וועגן די מעשה, געלאזט מאכן א גדר ארום דעם ציון פונעם הייליגען רבי אלימלך מליזענסק זי"ע.

**יארצייט**

**פרייטאג ח׳ כסלו**

**הרה״ק רבי אהרן ב״ר מרדכי זי״ע, (טווערסקי),**
**אדמו״ר מטשערנוביל,**

ער איז געבוירן אין שטאט טשערנאביל, בשנת תקמ״ד.

אלס דער בכור צו זיין טאטן הרה״ק רבי מרדכי המגיד מטשרנוביל זי״ע,
בן הרה״ק רבי מנחם נחום בעל מאור עינים מטשערנאביל זי״ע,
בן הגה״ק רבי צבי זי״ע,
בן הגה״ק רבי נחום גאון הנקרא רבי אדם בעל שם זי״ע.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת חיה שרה ע״ה,
בת הרה״ק רבי אהרן הגדול מקארלין זי״ע, (מגדולי תלמידי המגיד ממעזריטש זי״ע),
בן הרה״ק רבי יעקב מקוברין זי״ע, (דער ברודער פון הרה״ק רבי נחמן מקוסוב זי״ע).

מען האט דעם קינד ביים ברית געגעבן דעם נאמען אהרן, נאכן גרויסן זיידן רבי אהרן הגדול מקארלין זי״ע, ער איז נתגדל געווארן אין שטוב פונעם גרויסן זיידן הרה״ק בעל מאור עינים מטשערנאביל זי״ע, און די זיידע האט אים נאך געלייגט תפילין ביים בר מצווה.

ער איז געווען א איש אלוקים קדוש וטהור נורא מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מקובל גדול ונורא און א גאון וגדול ובקי בתורה וזקן ויושב בישיבה, ער איז געווען צווישן די גרעסטע צדיקים בדורו, טויזענטער גדולים וצדיקים בדורו זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש,

ער האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, זיין עבודה איז געווען מיט א געוואלדיגע דביקות און מיט א התלהבות דקדושה, און ער האט מיט זיין עבודת הקדוש מעורר געווען אידן צו נענטער ווערן צום גרויסן באשעפער, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

איינמאל האט א איד געפרעגט דעם צדיק דער הייליגער בית אהרן מקארלין זי״ע, וואס איז די גרויסע רעש וואס מען מאכט פון דעם צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי״ע, מען זעט דאך אים קיינמאל נישט לערנען, וויבאלד דער צדיק האט גאר שטארק באהאלטן זיין גדלות בתורה, האט דער הייליגער בית אהרן מקארלין זי״ע געזאגט בזה״ל, ״ער ברויך נישט לערנען, ער איז די תורה אליין״.

דער הייליגער מגיד מטשערנאביל זי״ע האט געהאט אכט הייליגע קינדער קדושים וטהורים, וואס זענען געווען די שמונה קני מנורה וואס האבן באלאכטן מיט זייער קדושה און תורה גאנץ רוסלאנד, דער טאטע דער מגיד האט געזאגט, אז די זיבן קינדער זענען די שבעה קני מנורה, און דער זון אהרן איז דער כהן המדליק את שבעה הנרות.

**הרה״ק רבי אהרן מטשערנאביל זי״ע,**
הרה״ק רבי משה מקוריסטשוב זי״ע,
הרה״ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זי״ע,
הרה״ק רבי מנחם נחום ממקרוב זי״ע,
הרה״ק רבי אברהם המגיד מטריסק זי״ע,
הרה״ק רבי דוד מטאלנא זי״ע,
הרה״ק רבי יצחק מסקווירא זי״ע,
הרה״ק רבי יוחנן מרחמסטריווקא זי״ע.

עס ווערט דערציילט, אז דער הייליגער מגיד מטשערנאביל זי״ע האט דאך פאר זיינע קינדער די קדושים אלע א נאמען געגעבן נאך די שבעה רועים די אבות הקדושים, חוץ פארן זון הרה״ק רבי מנחם נחום זי״ע וואס האט געהייסן נאכן הייליגען זיידן, און נישט מיטן נאמען ״יוסף״ פון די אבות הקדושים, סוף דבר האט מען פארשטאנען פארוואס ער האט דאס געטון, ווייל מיט זיינע הייליגע אויגן האט דער מגיד געזען, אז דער זון מנחם נחום וועט ווערן א איידעם ביי הרה״ק רבי יוסף מטורטשין זי״ע בן הרה״ק החוזה מלובלין זי״ע.

ווערט דערציילט, אז מען האט איינמאל געפרעגט פון הרה״ק רבי ישראל מרוזין זי״ע, אז די אכט קינדער פון דעם מגיד פירן גרויסע רבנות און הונדערטער אידישע קינדער זענען זיך מסתופף בצלם, האט מען געפרעגט ווער עס האט געגעבן די הסכמה אויף דעם.

האט דער הייליגער רוזינער זי״ע געזאגט, דוד המלך ע״ה האט שוין געגעבן אן הסכמה אויף די קינדער מיטן פסוק (תהילים קי״א ח׳) סְמוּכִים לָעַד לְעוֹלָם, ווייל, עֲשׂוּיִם בֶּאֱמֶת וְיָשָׁר, קען מען צו לייגען אז די ווארט ״אמת״ איז בגימטריה 9 וואס דאס איז דאך דעם חותם פון הקב״ה, און דער הייליגער מגיד מיט זיינע אכט קינדער זענען 9 צדיקים קדושים וטהורים.

ער האט חתונה געהאט בזיווג ראשון מיטן טאכטער פון הרה״ק רבי גדליה בעל תשואות חן מליניץ זי״ע, מגדולי תלמידי הבעש״ט הקדוש זי״ע.

בזיווג שני האט ער חתונה געהאט מיטן טאכטער פון הרה״ק רבי צבי מקאריסטשוב זי״ע,
חתן הרה״ק רבי אהרן מטיטיוב זי״ע, בן רבי צבי זי״ע, בן הבעש״ט הקדוש זי״ע,
בן הרה״ק רבי אברהם מקאריסטשוב זי״ע,
חתן הרה״ק בעל מאור עינים מטשערנאביל זי״ע.

נאך זייענדיג גאר יונג האט אים זיין הייליגע טאטע זי״ע געהייסן אנהייבן פירן רבנות אין א קהילה, ער איז דאן אסאך ארום געפארן צו שטעט אין דערפער און געפירט רביסטווע, הונדערטער אידן האבן זיך מסתופף געווען בצלו און געקומען נעמען א דרך אין עבודת השם, ער איז שוין דאן געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד און א גדול בתורה ויראת שמים, ער האט דאן אויך באקומען סמיכה פון הרה״ק רבי ברוך ממעזיבוז זי״ע.

כ׳ אייר בשנת תקצ״ז ווען זיין טאטע דער הייליגער מגיד מטשערנאביל זי״ע איז נסתלק געווארן, האט דער זון רבי אהרן זי״ע איבער גענומען דאס רבנות און די מגידות אין שטאט טשערנאביל און אויך אין די שטעט ארום, אלס ממלא מקום

פונעם טאטן, דער טאטע האט בעפאר זיין פטירה געזאגט אויפן זון בזה"ל, "דו קענסט קבלה, זאלסט זיין א רבי".

אויך האט מען אים דאן אויף גענומען אלס נשיא קופת רבי מאיר בעל הנס פון כולל וואהלין במדינות אוקראינה, און דער צדיק האט גאר אסאך עוסק געווען פאר צדקת ארץ ישראל און ער האט געשיקט גאר גרויסע סכומים פאר די עניי ארץ ישראל און מחזק געווען די ישוב ארץ ישראל מיט א מסירת נפש ממש.

ער איז געווען פארעכנט אלס איינע פון די גרעסטע רבנים און צדיקים וואס האבן פארשפרייט דעם דרך החסידות אין גאנץ רוסלאנד, ער האט מקרב געווען אידישע קינדער צום באשעפער מיט זיין געוואלדיגע קדושה און זיין געוואלדיגע כח מגידות, הונדערטער אידן האבן זיך מסתופף געווען בצלו און געקומען מיט האלטן זיין מורא'דיגע עבודה וואס איז צו געגאנגען מיט א אש דקדושה און א געוואלדיגע התלהבות דקדושה.

ער האט דאס רבנות אין טשערנאביל געפירט פאר 35 יאר, ער האט גאר אסאך אויף געטון פאר די אידן פון שטאט סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, ער איז געווען באוויסט אלס א גאר צוגעלאזענע איד וואס האט יעדן איד מקרב געווען און יעדן איד געברענגט נענטער צום באשעפער מיט זיין געוואלדיגע כוחות און זיין גרויסע קדושה, אידן האבן ביי דעם צדיק געזען גרויסע מופתים און גע'פועל'ט גרויסע ישועות.

דער צדיק איז געווען באוויסט מיט זיין גרויסע מידת הצדקה וחסד, ער האט כסדר עוסק געווען צו צוזאמען שטעלן סכומים אדירים פאר צובראכענע אידן און ארימעלייט, אויך האט ער גאר אסאך געלט געשיקט צו מחזק זיין ישוב ארץ ישראל און אויס געהאלטן אסאך תלמידי חכמים אין ארץ ישראל וואס זענען געזעצן און געלערנט.

דער צדיק וקדוש איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע מידות האמת און זיין עניוות עד מאוד, ער האט זיך געהאלטן פאר א פשוטע איד און נישט געלאזט מאכן קיין וועזן פון זיך בכלל.

ווי עס מאכט זיך אסאך מאל ביי מענטשן, אז מען וויל זיך משתעשע זיין מיט א קינד, הייבט מען דעם קינד אויף אין דער הייעך, האט אמאל פאסירט, אז איינער האט אויף געהויבן דעם אייניקל הרה"ק רבי ישראל מטשורטקוב זי"ע וואס איז געווען א זון פון דעם טאכטער הצדקת מרת פייגא ע"ה, וואס איז נאך דאן געווען א קינד, און בטעות האט ער אריין געקלאפט דעם קאפ פונעם קינד אינעם דאך, און דאס קינד האט באקומען א קליינעם קלאפ אויפן קאפ.

דאן האט דער הייליגער צדיק רבי אהרן זי"ע אויף געהויבן זיינע הייליגע אויגן און געזאגט פארן אייניקל, זאלסט כאטש זעהן, אז ווער עס הייבט אויף זיין קאפ העכער ווי מען ברויך, צוקלאפט זיך דעם קאפ, ווייל א איד ברויך זיך אייביג האלטן קליין און נישט ח"ו העכער ווי א אנדערן איד.

איין שבת קודש איז געווען ביים רבין זיין איידעם דער הייליגער צדיק רבי דוד משה מטשארטקוב זי"ע, און דורך גייענדיג אונטערן הענג לייכטער וואס האט געהאנגען פונעם דאך, האט זיך דער הייליגער טשארטקובער אראפ געבויגן אז זיין שטריימעל זאל נישט אנרירן דעם הענג לייכטער וואס איז געווען באשמירט מיט אויל, ווען זיין שווער דער הייליגער רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע האט דאס געזען האט ער געזאגט, זעסטו ווען מען איז זיך מכניע און מען בייגט דעם קאפ ווערט מען נישט פארשמירט.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

בתו, הצדקת מרת חיה שרה ע"ה, אשת הרה"ק רבי ישראל ב"ר יצחק אייזיק רובין מדוברובנה זי"ע, חתן הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע, בזיווג שני אשת הרה"ק רבי שלמה מלודמיר זי"ע, נכד הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע,
בתו, הצדקת מרת פערל ע"ה, אשת הרה"ק רבי יצחק הלוי פיצניק מברזנה זי"ע,
בנו, הרה"ק רבי מנחם נחום השני מטשערנאביל זי"ע, נפטר בחי' אביו,
בנו, הרה"ק רבי ישעי' משולם זוסיא מטשערנאביל זי"ע, חתן דודו הרה"ק רבי מנחם נחום ממקארוב זי"ע, בזיווג שני חתן הרה"ק רבי פנחס מסלאוויטא זי"ע, בזיווג שלישי חתן הרה"ק רבי מרדכי זאב רבינוביץ זי"ע,
בנו, הרה"ק רבי ברוך אשר מטשערנאביל זי"ע, חתן דודו הרה"ק רבי משה מקוריסטשוב זי"ע,
בתו, הצדקת מרת פייגא ע"ה, אשת הרה"ק רבי דוד משה פריעדמאן מטשורטקוב זי"ע,

ווען דער הייליגער צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע איז נסתלק געווארן, האט זיין ברודער הרה"ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זי"ע געזאגט אויפן ברודער בזה"ל, "אויף מיין ברודער אהרן זענען מלאכים ושרפים נישט געווען קיין מבין".

בעפאר זיין הסתלקות האבן זיך צוזאמען גענומען א גרויסער עולם אידן מקבל צו זיין פון אים זיין ברכה, און וויבאלד עס איז געווען א גרויסע עולם, האט מען נישט געלאזט שרייבען אויפ'ן קוויטל קיין בקשות, נאר מ'האט פשוט געשריבען די נעמען, געווען איז אבער דארט א איד, וואס האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער נעבעך, און ער האט אויך נאר אריין געשריבן זיין נאמען אזוי ווי יעדער איינער.

אבער ווען עס איז געקומען צו אים, האט דער רבי אים געפרעגט, די האסט דאך נישט קיין קינדער, פארוואס האסטו נישט אריין געשריבען דיין בקשה, האט דער צדיק באפוילן, אז מ'זאל אריין שרייבן די בקשה צו האבן קינדער אין די קוויטל, און אזוי ווי דער צדיק האט דאס געזעהן, האט דער צדיק געגעבן א זאג "במה יזכה" מיט וואס א זכות קען מען זוכה זיין "נער" געהאלפן צו ווערן מיט א קינד, שטייט ווייטער דארט אין פסוק, "את ארחו" אז די וועסט ליידענען א גאסט צו דיר אהיים יעדער וואך שבת, וועסטו געהאלפן ווערן מיט א קינד, דער איד האט אויס געפאלגט וואס די רבי האט געהייסן, און ער האט זוכה געווען צו א קינד.

אויך ווערט געברענגט, אז דער צדיק האט באקומען א ברכה פונעם זיידן דער הייליגער מאור עינים זי"ע, אז ער זאל מאריך ימים זיין און ער זאל זוכה זיין צו דערלעבן משיח צדקנו, אבער

ווען ער איז שוין געווען אויף די עלטערע יארן, וואס ווי באקאנט האט ער גאר שטארק מאריך ימים געווען כמעט קרוב צו די 90 יאר, האט דער צדיק געשיקט א שליח זאל גיין צום ציון פונעם זיידן, און זאגן אז ער האלט שוין נישט אויס צרות ישראל, און אז ער איז מוחל אויף די ברכה פונעם זיידן, טאקע נישט לאנג נאכדעם איז ער נסתלק געווארן.

דערציילט מען אז נאכן לוי' ביים סתימת הגולה, האט דער אייניקל הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע חתן הרה"ק רבי ישעי' זושא מטשערנאביל זי"ע, וואס האט געהאט א ספעציעלע קרבות ביים זיידן געבעטן, אז ער וויל זעהן פניו הקדושות פונעם זיידן, נאכדעם האט ער דערציילט, אז די פנים האט געברענט מיט א אש קודש, פונקט ווי עס האט אויס געזען ביי קידוש ליל שבת קודש.

נסתלק לגנזי מרומים ח' כסלו בשנת תרל"ב, ומנוחתו כבוד איז נעבן זיין הייליגען זיידן הרה"ק בעל המאור עינים זי"ע אין שטאט טשערנאביל.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

**איין יאר יו"ט סוכות איז געווען גאר קאלט אינדרויסן**, אין די קינדער פון הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע זענען געווען זייער באזארגט פארן געזונט פונעם טאטן, און די קינדער האבן געבעטן דעם טאטן, אז ער זאל זיך נישט פארזומען אין די סוכה צו לאנג, כדי די קעלט זאל אים נישט ח"ו שאטן.

האט דער הייליגער צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע דערציילט פאר די קינדער, אז איין יאר ביים יארצייט פונעם הייליגען מגיד מטשערנאביל זי"ע, איז זיין זוהן דער זיידע הרה"ק רבי אהרן זי"ע געווען אויפן ציון פונעם טאטן, עס איז דאן געווען גאר קלאט אינדרויסן, און די קינדער האבן געבעטן פונעם טאטן, אז ער זאל זיך נישט פארזומען ביים ציון צו לאנג, ווייל כמנהג טשערנאביל איז דער זוהן געגאנגען אן די שיך ביים ציון פונעם טאטן.

האט דער זיידע רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע געזאגט, די מקום קבורה פון א צדיק איז בבחינת ארץ ישראל, און אין ארץ ישראל איז יעצט נישט קאלט, איז אויך דא ביים טאטן'ס ציון נישט קאלט, האט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע אויס געפירט, אויך אינעם סוכה איז דא די אוירה דארץ ישראל, און וויבאלד אין ארץ ישראל איז נישט קאלט יעצט, דארף מען דא אינעם סוכה אויך נישט מורא האבן פין די קעלט.

**אין די צייטן פונעם הייליגער צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע** האט די מלכות הרשעה פון רוסלאנד ארויס געגעבן א שרעקליכע גזירה אויף די אידן פון לאנד, ווען די עסקנים האבן זיך דערוויסט אז מען קען מבטל זיין דעם גזירה מיטן באצאלען שוחד געלט, זענען די עסקנים אריבער צום צדיק און געבעטן אז ער זאל ארויס העלפן צוזאמען שטעלן א גרויסן סכום געלט כדי צו מבטל זיין די גזירה.

אבער לפלא האט זיך דער צדיק נישט וויסענדיג געמאכט פון די שליחים, דאן זענען די שליחים אריבער צום ברודער הרה"ק רבי יצחק מסקווירא זי"ע, און געבעטן אז ער זאל רעדן צום ברודער רבי אהרן, אז ער זאל זיך אריין לייגן צו העלפן מבטל זיין די גזירה, אבער אפילו דאס האט נישט אויף געטון, און דער צדיק רבי אהרן מטשערנאביל האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט.

אבער ווען עס איז אנגעקומען ערב פסח ביי שריפת חמץ, ווען דער צדיק רבי אהרן האט גענומען זיין זעקל מיט חמץ אריין צוווארפן אינעם פייער, האט זיך דער צדיק אנגעריפן, עטץ מיינטס אז מיט געלט קען מען מבטל זיין די גזירה, דאס איז א טעות, נאר יעצט ערב פסח ווען מען איז מבטל דעם חמץ, קען מען מבטל זיין אלע גזירות קשות רעות ואכזריות,

און דער צדיק האט געזאגט די ווערטער וואס מען זאגט אין יוצר שבת הגדול, "למה אכילת חמץ לשש שעות, זכר לחפזון שכינה להעביר גזירות רעות", לפלא נישט אסאך נאכדעם האט דער מושל דער רשע וואס האט גוזר געווען די גזירה געהאט זיין מפלה און גע'פגר'ט און די גזירה איז בטל געווארן, כן יאבדו כל אויבך ד'.

**איין שבת קודש פרשת קדושים ביים שולחן הטהור**, האט דער הייליגער צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע געזאגט פאר די חסידים בזה"ל, "אין פסוק שטייט (ויקרא י"ט ב') קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ד' אֱלֹקֵיכֶם, האט דער צדיק געזאגט, קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי, איר זענט הייליג ווייל איך בין הייליג, כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ד' אֱלֹקֵיכֶם, איך בין הייליג ווייל קודשא בריך הוא איז הייליג, און דאן האט זיך דער צדיק אויף געשטעלט און אויס געפירט, אידן איר זאלט וויסן אז איר האט זוכה געווען בדין".

**הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע** אן אייניקעל פון הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע האט דערציילט, אז די זיידע האט געהאט א מנהג, אז נאך שחרית פלעגט ער אריין גיין צו זיך אין שטוב פאר אפאר מינוט און דערנאך ארויס געקומען.

איין טאג האט דער אייניקל געבעטן פונעם שמש חלאוונה, אז ער וויל זיך באהאלטן אינעם שטוב פונעם זיידן, און ער וויל זעהן וואס די זיידע טוט דארט יעדן טאג, לפלא האט ער געזען, ווי דער זיידע קומט אריין אין שטוב, און טוישט זיך זיינע בגדים אויף נייע בגדים, און ווען די זיידע איז ארויס, האט דער אייניקל דער הייליגער בעלזא רב אנגעכאפט דעם זיידן'ס מלבושים, האט ער געזען, אז די בגדים זענען געווען דורך געווייקט פון שווייס.

כמנהגו האט דער זיידע געדאווענט מיט א געוואלדיגע איינגעהאלטנקייט, אבער פון זיין גרויס אש דקדושה און זיין געוואלדיגע דביקות בשם, האט זיך פונעם צדיק וקדוש געגאסען די שווייס, אבער דער הייליגער צדיק האט דאס געוואלט באהאלטן, און דערפאר איז ער יעדן טאג נאכן דאווענען אריין אין זיין שטוב און געטוישט זיינע בגדים.

**הרה"ח רבי חיים ליבערזאהן ע"ה בעמח"ס ארץ החיים** איז גאר אסאך געפארן צום צדיק הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, און ער איז געווען פון די גרויסע גבאי-צדקה ביי הייליגען צדיק רבי אהרן זי"ע, נאכ'ן הסתלקות פון רבי אהרן, איז אים אויס געקומען צו זיין אין סקווירא ביים ברודער רבי איציקל סקווירער זי"ע.

עס איז געווען א חודש נאכ'ן הסתלקות פון רבי אהרן, און אין סקווירא האט ער געהערט אז מ'האט נאכנישט מודיע געווען פאר רבי איציקל סקווערער פון די הסתלקות פון רבי אהרן, האט ער זיך מיישב געווען אז ער וועט צוריק פארן אהיים, און ער וועט נישט אריינגיין צו רבי איציקל סקווערער, ווייל ער האט פארשטאנען, אז אויב ער וועט אריינגיין, וועט אים רבי איציקל סקווערער פרעגן אויפן ברודער רבי אהרן, און ער האט נישט געוואלט זאגן, ווייל ער האט נישט געוואלט מצער זיין דעם ברודער.

בשעת ער האט אזוי געטראכט, האט רבי איציקל סקווערער געשיקט א שליח, און ער האט אים געלאזט רופן און געהייסן אריין קומען, ווען ער איז אריין געקומען, האט אים רבי איציקל סקווערער געפרעגט, "ווען, ווען איז דאס געווען", ווי צו פרעגן ווען איז רבי אהרן נסתלק געווארן, ער איז דערשראקן געווארן, ווייל ער האט דאך געוואוסט אז מ'האט נישט מודיע געווען פארן ברודער רבי איציקל איבער די הסתלקות, און דא האט ער געזען אז ער ווייסט יא איבער די הסתלקות.

האט זיך רבי איציקל סקווערער אנגערופן, "ווייסט דאך מיינען אז ס'איז א "מופת", ס'איז נישט קיין מופת!" זאגט ער, דו געדענקסט אז מיט אפאר חדשים פריער ביסטו געווען ביי מיר, און איך האב דיך געפרעגט אויף מיין ברודער רבי אהרן וויאזוי ער פילט זיך און וואס ער טוט, האסטו מיר געזאגט, אז ער פילט זיך נישט גוט ל"ע, האב איך געפרעגט, וואספארא מיחוש האט ער, האסטו מיר געזאגט אז חולי מעיים האט ער אויך ל"ע.

און ווי באקאנט קען א חולה-מעיים דאך נישט אלעמאל לייגן קיין תפילין, האט אים רבי איציקל סקווערער די לעצטע מאל אויס געפרעגט צי ס'איז אמאל געווען אז ער האט זיך געפילט אזוי שוואך פון דעם מיחוש, אז ס'איז אויס געקומען אז ער האט איין טאג נישט געקענט לייגן קיין תפילין, האט אים ר' חיים ליבערזון געענטפערט, אז ער מיינט אז איין טאג איז געווען דער מיחוש אזוי שטארק, אז ער האט נישט געקענט לייגן קיין תפילין.

האט זיך רבי איציקל סקווערער אנגערופן, "ס'איז נישט קיין מופת, נאר איך האב פארשטאנען, אז אויב מיין ברודער רבי אהרן וועט איין טאג נישט לייגן קיין תפילין, וועט ער זיך שוין לאנג דא אויף דעם עולם נישט וועלן ארומדרייען", ממילא איז עס נישט קיין מופת אז איך האב געוויסט אז מיין ברודער איז נסתלק געווארן, כ'פרעג נאר "ווען" ס'איז געווען.

**איין וואך שבת קודש ביים צדיק וקדוש רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע**, בשעת'ן פירן טיש, און דער גאנצער עולם איז דארט געווען, האט פאסירט, אז דער אייניקל הרה"ק רבי ברוך מטשערנאביל זי"ע וואס איז נאך דאן געווען א פיצל קינד, און געלעגן אין בעטל האט אנגעהויבן גאר שטארק וויינען, פלוצלונג האט זיך דער זיידע הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע אויף געשטעלט, און אריין בארואיגען דעם קינד אז ער זאל אויף הערן וויינען.

דער עולם האט זיך גאר שטארק גע'חידוש'ט און נישט פארשטאנען וואס די רבי האט דא געטון, דא האלט ער אינמיטן פירן זיין שולחן הטהור, וואס ווי באוויסט אז ביים פירן טיש האט דער צדיק פאר ארבעט גאר געהויבענע זאכן, אבער דא גייט די רבי ארויס צו שטיל מאכן דעם קינד, עס איז דאך דא גענוג משמשים און גבאים וואס קענען דאס טון.

ווען דער צדיק איז צוריק געקומען צום טיש, און געזען דעם וואונדער אויפן פנים פון די חסידים, האט דער צדיק געזאגט, עס שטייט (ישעיהו נ"ד י"ג) וְכָל בָּנַיִךְ לִמּוּדֵי ד', האט דער צדיק אריין געשטייטשט, וְכָל בָּנַיִךְ, ווי אזוי די פירסט דיך מיט דיינע קינדער, לִמּוּדֵי ד', כביכול לערנט זיך דער רבוש"ע ווי אזוי צו פירן מיט זיינע קינדער, ווייל מיט א אתערותא דלתתא, ווערט דערמיט מתעורר א אתערותא דלעילא, און דערפאר דארף מען ארויס ווייזן א חיבה יתירה פאר די קינדער.

**ווען דער אייניקל הרה"ק רבי ברוך מטשערנאביל זי"ע** איז געווען 5 יאר אלט, איז ער ר"ל קראנק געווארן צו א מצב וואס איז געווען סכנת נפשות ממש, מען איז געקומען מזכיר זיין דעם אייניקל צום זיידן רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, האט דער זיידע געזאגט, "דער אייניקל וועט אי"ה געזונט ווערן בקרוב".

אבער ווען דער מצב איז געווארן ערגער און עס איז שוין געשטאנען דארט מנין און מען האט שוין אן געצינדן ליכט און געווארט אויף יציאת נשמה, און ווען דער זיידע האט דאס געהערט, האט ער זיך אנגעטון זיין אויבער ראק און אריבער צום אייניקל.

ווען דער זיידע איז אנגעקומען האט ער געהייסן יעדן ארויס גיין פון שטוב, דאן האט דער זיידע בידיו הקדושות אויס געבלאזן די ליכט, דאן האט ער ארויף געלייגט זיינע הייליגע הענט אויפן קעפל פונעם אייניקל און געבענטשט זיין אייניקל, אז ער זאל געזונט ווערן און לעבן לאורך ימים ושנים, און דאן האט די זיידע געזאגט, "אין ס'וועט דיר זיין לעכטיג אלע דיינע יארן", לפלא איז דער קינד געזונט געווארן און געהאט אן אריכת ימים געזונטערהייט.

**איין שבת קודש נאכמיטאג** ווען דער הייליגער צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע איז געגאנגען דאווענען מנחה, אויפן וועג האט ער געטראפן קליינע קינדער וואס האבן זיך געשפילט אויף די גאס און זיי האבן געווארפן קליינע שטיינער און איינס האט אנגערירט דעם שטריימעל פונעם צדיק בטעות.

האט דער צדיק צוגערופן די קינדער און זיי געזאגט, עס שטייט (תהלים קכ"ו ב') אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ, איז דאך שווער, אז ווען משיח וועט קומען וועט זיין א געלעכטער ווי אזוי פאסט דאס, נאר ווען משיח וועט קומען און מען וועט זעהן אז ער איז נישט געקומען פאר די צדיקים הקודמים נאר ער איז געקומען פאר נארישע קינדער, דאס וועט זיין דער געלעכטער.

**דער הייליגער צדיק וקדוש רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע** האט געזאגט, אז די צייטן ווען די וועלט איז פארנומען מיט אנדערע ענינים ווי ערב שבת קודש, ערב יו"ט, חול המועד, פורים, דאן איז א גרויסע צייט עוסק צו זיין בתורה און מוסיף זיין אין לערנען תורה, ווייל דאס איז מרומז אינעם פסוק (תהלים קי"ט קכ"ו) עֵת לַעֲשׂוֹת לַד' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ, ווען איז צייט פאר עֵת לַעֲשׂוֹת לַד', דאס איז הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ ווען רוב וועלט איז פארנומען מיט אנדערע ענינים און לערנען נישט כדבעי, דאן דארף מען לערנען מער, און עס ברענגט א גאר גרויסע נחת רוח בשמים.

**ווי עס איז באקאנט**, האט דער הייליגער צדיק וקדוש רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע נישט געזאגט קיין תורה, און ווען ער האט יא געזאגט האט ער דאס אריין געזאגט אין זיין ארבל אז קיינער זאל נישט הערן, ווען מען האט אים אמאל געפרעגט, פארוואס ער זאגט נישט קיין תורה, האט דער צדיק געזאגט מיט זיין גרויס עניוות, עס שטייט (תהלים קל"א ב') אִם לֹא שִׁוִּיתִי וְדוֹמַמְתִּי, האט דער צדיק מסביר געווען, אִם לֹא שִׁוִּיתִי אויב האט מען נישט דעם שויתי ד' לנגדי תמיד, דאן וְדוֹמַמְתִּי זאגט מען נישט קיין תורה.

**איין טאג ווען ער איז דורך זיין אייניקל הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע** און ער האט אים געזען לערנען מיט א געוואלדיגע התמדה, האט דער זיידע אים געזאגט, איך בין דיך מקנה אז די קענסט לערנען, ווייל איך ווען איך קום אן צופרי צו מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ, מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם, און איך הייב נאר אן טראכטן ווער דער אֲנִי איז און ווער דער לְפָנֶיךָ איז, קען איך מיך דעם גאנצן טאג נישט צוזאמען נעמען פון גרויס צובראכענקייט.

**עס איז געווען א איד ר' יעקב** וואס האט זיך אסאך מסתופף געווען בצלו פונעם הייליגען צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, איין טאג איז ער אריין געקומען צום רבין, און די רבי שרייט אויף דעם איד, "גיי דיר צו די שווארצע יארן", דער איד האט זיך זייער דערשראקן, און ער האט מורא געהאט אריין צו קומען צום צדיק נאכאמאל.

נאך אפאר טאג האט דער צדיק געלאזט ריפן דעם איד און פרעגט אים, פארוואס ער קומט נישט צו אים, האט דער איד געזאגט מיט א צוטער און גרויס פחד, אז די רבי האט אים געגעבן א קללה אז ער זאל גיין צו די שווארצע יארן, האט זיך דער צדיק צושמייכעלט און געזאגט, ח"ו, איר זאלט נישט טראכטן אז איך שעלט א איד, איך האב דיר געבענטשט מיט א ברכה, אז די שווארצע וואס מיינט די טונקעלקייט זאלן יארן וואס איז א לשון פון יָאֵר ד' פָּנָיו אֵלֶיךָ אז עס זאל דיר ליעכטיג ווערן אין די אויגן.

**ווערט דערציילט**, אז א עלטערע פרוי איז אמאל אריין געקומען צום הייליגער צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע און געבעטן אז ער זאל זאגן קדיש און לערנען משניות נאך איר לאחר מאה ועשרים שנה, ווען דער צדיק האט געפרעגט פארוואס זי בעט דאס פון אים.

האט די פרוי געזאגט, אז ער דארף איר מכיר טובה זיין, וויבאלד זי איז געווען די מינקת ווען ער איז געווען א פיצל קינד, און דאס איז געווען א גאר שווערע עבודה, וויבאלד דער טאטע דער הייליגער מגיד מטשערנאביל האט פארלאנגט גאר א שווערע עבודה פון גדרי צניעות, און דערפאר וויל זי אז רבי אהרן זאל זאגן קדיש און לערנען משניות נאך איר פטירה, פארשטייט זיך אז דער צדיק האט מסכים געווען און געגעבן א הבטחה.

אבער אפאר וואכן נאך איר פטירה, איז די פרוי געקומען אין חלום צום צדיק, און געבעטן, אז ער זאל אויף הערן זאגן קדיש און לערנען משניות, ווייל דאס האט איר געטראגן אויף זייער א הויכע פלאץ אין גן עדן, און זי שפירט זיך בכלל נישט אזוי באקוועם דארט, אפילו זי איז טאקע געווען א גאר ערליכע פרוי, איז זי אבער געווען א פשוטע פרוי און דאס פלאץ איז נישט געאייגענט פאר איר.

**אין ספר ארץ החיים דערציילט** הרה"ח רבי חיים ליבערזאהן ע"ה וואס איז געווען פון די גרויסע חסידים מובהקים פונעם הייליגען צדיק הרה"ק רבי אהרן מטשרנוביל זי"ע.

איין יאר ביים סעודת פורים ביים הייליגען צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, האט דער צדיק געזאגט, אז היינט איז דאך אזוי ווי יום הכיפורים און מען ברויך תשובה טאן, נאר ליידער היינט איז מען שוואכע גופים מען פלאגט זיך אויף פרנסה און מען האט דאך דעם עול הגלות און מען האט נישט קיין הרחבות הדעת און מען האט דאך נישט קיין כח צו פאסטן און זיך מסגף זיין.

על כן האט דער צדיק געזאגט, רבוש"ע אויב אלע אידישע קינדער וועלן זיין געזונט ווי די בערן און לייבען, און נישט האבן דעם עול הגליות און האבן פרנסה ברווח, דאן וועלן זיי האבן הרחבות הדעת, דאן וועלן זיי שוין תשובה טון מאהבה, אזוי ווי עס איז געווען ביי קריאת ים סוף ווען אלע קראנקע זענען אויס געהיילט געווארן און עס איז געווען ביזת הים האבן די אידן נאכדעם מקבל געווען די תורה ביים בארג סיני, די זעלבע וועט דא אויך זיין.

**נאך א מעשה שרייבט ער אין ספר ארץ החיים**, עס איז געווען בשנת תרכ"ח, ווען עס האט זיך ליידער ארום געדרייט א שווערע מגיפה אין רוסלאנד און רח"ל הונדערטער אידישע קינדער זענען נעבעך אוועק פון די מחלה, האט מען געשיקט א שליח פון שטאט קרמנצוג אין רוסלאנד, צום הייליגען צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, אז ער זאל מתפלל זיין פאר די אידן אין רוסלאנד, אז דער גרויסער באשעפער זאל אפטון די מחלה פון כלל ישראל און אידישע קינדער זאלן זיין געזונט.

איז געווען פרייטאג צו נאכטס פרשת ראה ביים צדיק רבי אהרן זי"ע נאכן זיך וואשן צו די סעודה, האט דער צדיק נאכגעזאגט וואס דער הייליגער אור החיים הקדוש זי"ע זאגט אין פרשת ראה, משה רבינו האט געזאגט פאר אידישע קינדער, רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה, האט דער אור החיים הקדוש געזאגט, אז משה רבינו ע"ה האט געזאגט, רְאֵה אָנֹכִי קוקטס מיך אן, און דורך דעם נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וועל איך ברענגען אויף ענק א ברכה.

האט דער הייליגער צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע געזאגט, איך קען דאס נישט זאגן אויף מיר אז עטס זאלט קוקען אויף מיר און באקומען א ברכה, נאר וואס דען, עס שטייט ווייטער אין פסוק, וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ד' אֱלֹקֵיכֶם, האט דער הייליגער צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע געטייטשט, וְהַקְּלָלָה אִם לֹא, רבוש"ע אויב די וועסט נישט שיקן ח"ו די קללה, תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ד' אֱלֹקֵיכֶם זאג איך דיר צו רבוש"ע אז דיינע אידישע קינדער וועלן היטן דיינע מצוות.

און דער צדיק האט מוסיף געווען, רבוש"ע די האסט געהייסן נישט עסן קיין פלייש אין די ניין טאג, אבער צוליב די מגיפה האב איך געהייסן יא עסן ווייל עס איז דא די מגיפה, די האסט געהייסן פאסטן תשעה באב, אבער איך האב בלית ברירה געהייסן צוליב די מגיפה זאל מען נישט פאסטן, דערפאר זאג איך דיר רבוש"ע, נעם אוועק די מגיפה און אלע צרות פון אידישע קינדער, וועסטו זעהן ווי זיי היטן דיין הייליגע תורה, ווייל דער צדיק וקדוש האט

זיין גאנץ לעבן עוסק געווען אין מליץ יושר זיין אויף אידישע קינדער, און מיט דעם געברענגט ישועות פאר אידישע קינדער.

**א פארפאלק וואס האט פילע יארן ל"ע נישט געהאט קיין קינדער,** האבן זיי זיך געוואנדן צום צדיק הרה"ק רבי ישראל דוב בער מווילעדניק זי"ע, אז ער זאל זיי אנווינטשן א קינד, און דער צדיק האט אנגעוואונטשן א קינד, און עס איז ביי זיי געבוירן געווארן צו מזל א מיידל, אבער די שמחה האט נישט אנגעהאלטן לאנג, ווייל עס האט לײדער באטראפן דאס קינד אן אומגליק, אז די קינד איז טויב געווארן רח"ל, די עלטערן האבן פאר פיר יאר פראבירט מיט פארשידענע רפואות און סגולות, און זענען געלאפן צו די גרעסטע דאקטורים, אבער לײדער האט גארנישט געהאלפן.

די צובראכענע עלטערן זענען דאן געפארן צום גרויסן צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, וויבאלד עס איז שוין געווען נאך די הסתלקות פונעם צדיק מווילעדניק זי"ע, און האבן דערציילט פארן צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, אז דאס קינד איז געבוירן מיט די ברכה פונעם הייליגען ווילעדניקער, אבער לײדער דאס קינד רעדט נישט און הערט נישט, און זיי האבן געבעטן דעם צדיק, אז ער זאל זיי פועל'ן א ישועה, זאגט זיי דער צדיק וקדוש רבי אהרן טשערנאבלער זי"ע, פונקט ווי דער ווילעדניקער האט דיר געקענט דעמאלט צו זאגן א קינד, קען ער יעצט אויס היילן דאס קינד, פארט'ס קיין ווילעדניק, און פון דארט וועט פאר דיר ארויס שפראצן א ישועה, וועסט אוודאי דארט געהאלפן ווערן.

דער איד איז געבליבן שטיין פארוואונדערט, "וואס מיינט דער רבי אז איך זאל פארן קיין ווילעדניק, רבי ישראל דוב בער מווילעדניק זי"ע לעבט דאך שוין לײדער נישט", זאגט אים רבי אהרן מטשרנוביל, "פארוואס פארשטייט איר נישט, מיר ווייסן דאך אז גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, און צדיקים קענען נאך זייער פטירה אויס'פועל'ן נאך גרעסערע ישועות ווי ביי זייער לעבן, און יעצט נאך די פטירה קען ער פאר אייך ממשיך זיין א ישועה, די עלטערן האבן געפאלגט, און טאקע נאך זייענדיג ביים ציון אין ווילעדניק האט דאס מיידל אנגעהויבן צו רעדן כאחד אדם.

**א איד א גרויסער ארימאן פון שטאט סראקא,** האט פאר פרנסה זיך פארדינגען אלס מלמד אין שטאט טשערנאביל, איין יאר בעפאר יו"ט פסח, ווען דער איד האט זיך געגרייט אהיים צו פארן, איז ער אריין צום הייליגען צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע זיך צו געזעגענען, האט אים דער צדיק רבי אהרן געפרעגט, אויב ער קען אים געבן דאס גאנצע געלט וואס ער האט פארדינט דא אין שטאט די לעצטע חדשים, ווייל ער ברויך עס פאר זייער א וויכטיגע צוועק.

דער איד זייענדיג א גרויסע חסיד פונעם רבין, האט גלייך מיט זיין געוואלדיגע אמונת צדיקים אהין געגעבן דאס גאנצע געלט פארן רבין, און אהיים צו פיס בעירים ובחוסר כול, אינמיטן וועג האבן אים באפאלן רויבער'ס און געוואלט צו נעמען דאס גאנצע געלט, און כדרך פון די רויבער'ס האבן זיי גע'גנב'ט דאס געלט און ר"ל גע'הרג'ט אז מען זאל נישט גיין דערציילן פאר די פאליציי.

אבער דער איד וויבאלד ער האט געגעבן דאס גאנצע געלט פארן רבין, האבן די רויבער'ס גארנישט געטראפן ביי אים, האבן זיי אים געלאזט גיין, אזוי ווי דער איד קומט אריין אין שטוב אינגאנצען צובראכן, ווייל ער האט דאך גארנישט אהיים געברענגט, פרעגט אים דאס ווייב, פון וועגען אן שיקסטו אהיים דאס געלט דורך די פאסט, דאן האט שוין דער איד פארשטאנען וואס די רבי האט דא געטון, ווייל דער הייליגער צדיק רבי אהרן האט מרגיש געווען וואס עס ווארט אפ פאר דעם איד, דערפאר האט ער אים געבעטן דאס גאנצע געלט, כדי די רויבער'ס זאלן ביי אים גארנישט טרעפן, און דער צדיק האט גלייך אהיים געשיקט דאס געלט פאר דעם איד אין שטוב.

**דער הייליגער שם משמואל פון סאכאטשוב זי"ע** ברענגט אין זיין ספר פרשת ויקהל, אז ער האט געזען א בריוו פון הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע וואס ער האט געשריבן, אז "דאס וואס ער שיקט מענטשן ארום אין שטעט און דערפאר צו צוזאמען נעמען מעמדות, איז נישט ווייל ער דארף געלט, ווייל ער האט געלט גענוג ווי שטיינער, און ער דארף עס נישט האבן.

נאר די סיבה פארוואס ער שיקט נאך מעמדות איז, וויבאלד ער וויל מעלה זיין די תפילות פון די אלע אידן, און אויף מעלה צו זיין די תפילות דארף דאך זיין אז זיי זאלן האבן מיט אים עפעס א שייכות און א התקשרות, און דאס איז די איינציגע סיבה פארוואס ער שיקט די שלוחים, ווייל דורך דעם וואס די אידן גיבן די מעמדות, קען ער מעלה זיין די תפילות, און דער הייליגער שם משמואל שרייבט אין ספר, אז ער האט געזען דעם בריוו וואס רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע האט געשריבן.

**דער הייליגער צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע** האט אמאל געשיקט א שליח קיין קעשינוב, אז ער זאל צוזאמען נעמען 'מעמדות', ווען דער שליח איז אנגעקומען דארט אין שטאט, איז ער געוואויר געווארן, אז ס'גייט ארום א געוואלדיגע מחלה דער אויבערשטער זאל אפהיטן און ס'איז ממש א סכנה דארט צו בלייבן, האט ער געשריבן א בריוו צום צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, אז היות ס'איז דא א שטארקע סכנה דא אין שטאט, מוז ער צוריק פארן, און וויפיל געלט ער האט שוין געהאט האט ער צוריק געשיקט צום צדיק רבי אהרן זי"ע.

ס'איז געווען פאר סוכות, האט אים דער צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע געענטפערט, אז ער זאל נישט מורא האבן, ווייל ער האט שוין געמאכט א "חומת ברזל" צווישן דעם מלאך המשחית מיט די אידן פון קעשינוב, ממילא דארף ער נישט מורא האבן און ער זאל דארט בלייבן ביז נאך יום טוב.

נו, אז די רבי מטשערנאביל האט אזוי געזאגט, איז ער געבליבן, און נאכדעם וואס ס'איז אנגעקומען דער בריוו האט זיך עס צוביסלעך אויפגעלאזט אינגאנצן און ווען ס'איז געקומען סוכות איז געווען א שמחה רבה ועצומה דארט אין די גאנצע שטאט, אויף דעם ארויף וואס די מחלה איז בטל געווארן אינגאנצן און יעדער איז נתרפא געווארן, ממש ווי דער צדיק האט פאר געזאגט אז עס איז נישט דא וואס מורא צו האבן.

**יארצייט**
**שבת קודש ט' כסלו**

**הרה"ק רבי דוב בער ב"ר שניאור זלמן זי"ע, (שניאורסאהן),**
**דער מיטעלער רבי מליובאוויטש,**

ער איז געבוירן אין שטאט לאדי, ט' כסלו בשנת תקל"ד.

צו זיין טאטן הרה"ק רבי שניאור זלמן מלאדי בעל התניא מליובאוויטש זי"ע,
בן הרה"ק רבי ברוך שניאורסאהן זי"ע, מגדולי תלמידי הבעש"ט הקדוש זי"ע.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת סטערנא ע"ה,
בת הגה"ק רבי יהודה לייב הלוי סג"ל מוויטעפסק זי"ע.

ט"ז כסלו בשנת תקל"ד איז פאר געקומען דעם ברית, און דער טאטע האט דעם קינד א נאמען געגעבן נאך זיין הייליגען רבין הרה"ק רבי דובער המגיד ממעזריטש זי"ע וואס איז נסתלק געווארן א יאר בעפאר י"ט כסלו בשנת תקל"ג.

ער איז געווען א איש אלוקים קדוש ונורא מאוד בוצינא קדישא חסידא ופרישא מנורה הטהורה, ער איז געווען א גאון וגדול בנגלה ובנסתר, און א גאון עצום בתורת הקבלה, ער איז געווען א אדם הגדול בענקים ובעל מוח נפלא ובעל שכל חד וחריף ומעמיק נפלא בתורה, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע קדושה און זיין געהויבענקייט אין חסידות, ער איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע חכמה און א בעל דרשן נפלא וואס האט באנומען יעדן צוהערער, און ער האט מיט זיינע דברי תורה און מוסר אריין געברענגט יראת שמים און אהבת התורה אין די הארץ פון אידישע קינדער, ער איז געווען דער ראש ומנהיג פאר חסידי חב"ד און טויזענטער אידן האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש און זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און שעפן תורה ויראת שמים בקדושה ובטהרה.

זיין רבו מובהק איז געווען זיין גרויסע טאטע דער הייליגער בעל התניא זי"ע, ער האט קונה געווען פון זיין טאטן רוב פון זיין תורה און אויך זיין דרך החסידות, ביי די 15 יאר אלט האט זיין טאטע דער הייליגער בעל התניא זעענדיג די גדלות בתורה פון זיין הייליגע זון, אים אויף גענומען אלס דער מדריך פאר יונגעלייט באי ביתו פון זיין טאטן זי"ע, אויך איז ער שוין דאן געווען דער בעל דרשן וואס האט געזאגט דברי התעוררות בשם זיין טאטן, דאן האבן שוין די חסידים פון חב"ד געזען אינעם זון אלס דער ממלא מקום פון זיין גרויסן טאטן.

בשנת תקמ"ח האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת שיינא ע"ה,
בת הרה"ח רבי יעקב מיאנאוויטש זי"ע, מלמד בעיר יאנאוויטש.

ווערט געברענגט, אז דער רבי יעקב איז געווען א מלמד און נישט געהאט קיין פרנסה, ער האט געהאט א שטוב מיט טעכטער וואס ער האט נישט געקענט חתונה מאכן, צוליב וואס ער איז געווען א גרויסער ארימאן, ווען ער איז געקומען זיך מזכיר זיין ביים הייליגען בעל התניא זי"ע, האט דער רבי מציע געווען, אז ער זאל נעמען זיין זוהן דער בכור רבי דוב בער זי"ע פאר אן איידעם, און דורך דעם וועט שוין יעדער וועלן זיך משדך זיין מיט אים, כך הוה דער רבי יעקב האט אלע זיינע טעכטער חתונה געמאכט מיט גרויסע תלמידי חכמים.

כ"ד טבת בשנת תקע"ג ווען זיין טאטע דער הייליגער בעל התניא זי"ע איז נסתלק געווארן, איז דער זון געווארן ממלא מקום אביו, ער האט דאן איבער גענומען דאס חסידות אין שטאט ליובאוויטש, דאס חסידות איז בימיו געוואקסן צו איינע פון די גרעסטע חסידות'ער אין רוסלאנד, טויזענטער חסידים זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און שעפן יראת שמים און א דרך אין עבודת השם.

ער איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע דברי תורה און דברי חסידות וואס איז געווען מיט א אש דקדושה און א התלהבות אש, וואס האט מעורר געווען אידישע קינדער צו יראת שמים און עבודת השם, אויך האט דער צדיק וקדוש עוסק געווען אין מחזק זיין ישוב ארץ ישראל און געשיקט גרויסע געלטער צו מחזק זיין די אידן אין ארץ ישראל, אויך האט ער דאן אויף געשטעלט א ישוב אין שטאט חברון.

דאס עבודת התפלה פון דעם הייליגען צדיק איז געווען למעלה מהשגותינו, זיין דרך איז געווען אנדערש ווי זיין הייליגען טאטן וואס פלעגט זיך ממש ווארפן ביים דאווענען פון גרויס התרגשות, האט אבער דער זון געדאווענט מיט א געוואלדיגע איינגעהאלטנקייט, ער פלעגט קענען שטיין פאר שעות אריכות אויף איין פלאץ און דאווענען מיט א געוואלדיגע אש קודש, חסידים האבן דערציילט, אז עס פלעגט זיך פונען צדיק גיסן שוויס ווי פון א קוואל פון זיין גרויסע ברען ביים דאווענען, אז דער צדיק האט זיך געברויכט טוישן מלבושים נאכן דאווענען.

לפלא אנדערש ווי אלע רבנים וואס זענען עולה שישי, האט דער גרויסער צדיק קיינמאל אין יאר נישט עולה געווען לתורה, ווייל ער פלעגט זאגן מיט זיין גרויסע עניוות, אז ער שעמט זיך צו שטיין בעפארן ספר תורה ווען עס איז אפען, איינמאל אין יאר האט דער צדיק עולה געווען, דאס איז געווען שמחת תורה ביי כל הנערים צוזאמען מיט די קינדערלעך, ווייל ווען די קינדער זענען עולה האט ער נישט קיין בושה צו שטיין פארענט פון די תורה הקדושה.

אזוי ווי זיין גרויסן טאטן, האט ער אויך גאר אסאך געליטן פון די מתנגדים אין רוסלאנד, און כ"ב תשרי בשנת תקפ"ז האט מען דעם רבין איינגעשפארט צוזאמען מיט זיין חבר און ידיד נפש הרה"ק רבי אהרן הלוי משטראשעלע זי"ע אין תפיסה אין שטאט וויטעפסק, צוליב א מסירה פון די מתנגדים, אז דער רבי שיקט געלט צו מחזק זיין די שלטון טורקי וואס האבן דאן געוועלטיגט אויף ארץ ישראל.

בחסדי השם האט מען דעם רבין באפרייט פון תפיסה י' כסלו בשנת תקפ"ז, דעם טאג איז געבליבן א יו"ט אין חסידות חב"ד, דער צדיק איז דאן געפארן צום שטאט קארלסבאד פאר רפואה, אויפן וועג איז ער דורך געפארן דעם שטאט פרעשבורג און באזיכט דעם גרויסן גאון הגה"ק רבי עקיבא איגר זי"ע וואס האט דעם רבין גאר שטארק מכבד געווען און מעריץ געווען.

דער מצב הבריאות פונעם רבין איז אבער ליידער ערגער געווארן און ער איז געווען גאר שוואך, אויף די ימים נוראים יענעם יאר איז דער צדיק געווען אין שטאט האדיטש, און ער איז דאן אסאך ארויף צום ציון קדשו פון זיין גרויסן טאטן צו בעטן פאר א ישועה און פאר זיין געזונט.

איין טאג ווען ער איז ארויס געקומען פון דעם ציון פון זיין טאטן, איז ער געווען גאר שטארק בשמחה און געזאגט, איך האב גע'פועל'ט ביים טאטן אז איך זאל מיך קענען אפ זאגן פון רבנות, די חסידים האבן פארשטאנען אז די רבי מיינט צו זאגן אז ער גייט ארויף פארן קיין ארץ ישראל, וויבאלד די רבי האט כסדר געהאט א געוואלדיגע תשוקה ארויף צו גיין אויף ארץ ישראל.

ווען די חסידים האבן געפרעגט דעם רבין ווי אזוי ער קען זיי איבער לאזן כצאן בלי רועה, האט די רבי געזאגט, אז ער לאזט זיי איבער מיט זיין גרויסן איידעם הרה"ק רבי מנחם מענדל בעל צמח צדק מליובאוויטש זי"ע, די חסידים האבן נישט גלייך מרגיש געווען אז דער הייליגער צדיק רעדט דא פון זיין הסתלקות.

אפאר וואכן נאך די ימים נוראים איז די רבי אהיים געפארן קיין ליובאוויטש, אבער ליידער ווען ער איז דורך געפארן דעם שטאט ניעזין איז דער מצב געווארן גאר שווער ביים צדיק, מען האט געריפן די גרעסטע דאקטורים אין שטאט צו זעהן וואס מען קען טון פארן צדיק, אבער ליידער האבן זיי אלע אויף געהויבן די הענט און געזאגט, אז זיי האבן נישט קיין רפואה פארן צדיק, אבער האבן אן געזאגט, אז די רבי זאל זיך צוריק האלטן פון זאגן דברי חסידות ווייל דאס מאכט נאר ערגער זיין מצב ר"ל.

ווען דער צדיק האט דאס געהערט, האט ער געזאגט קצתי בחיי, ווייל אויב ער קען שוין נישט מעורר זיין אידן לאביהם שבשמים, האט ער שוין נישט פארוואס צו לעבן אויף די וועלט, ליידער איז דער מצב געווארן מיט יעדן טאג ערגער און ערגער עד כדי כך, אז מען האט נישט געקענט אנרירן דעם גוף קדוש פונעם צדיק ווייל דאס האט אים ממש גורם געווען יסורים.

ט' כסלו בשנת תקפ"ח גאר פרי האט דער צדיק אנגעהויבן א מאמר חסידות מיט א געוואלדיגע התלהבות דקדושה אויפן פסוק אַחֲרֵי ד' אֱלֹקֵיכֶם תֵּלֵכוּ וְאֹתוֹ תִירָאוּ וְאֶת מִצְוֹתָיו תִּשְׁמֹרוּ וּבְקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ וְאֹתוֹ תַעֲבֹדוּ וּבוֹ תִדְבָּקוּן, ער האט מילץ יושר געווען אויף אידישע קינדער, ווי זיי זענען מקיים די מצות השם מיט א מסירת נפש אפילו זיי האבן שווער פרנסה, עס איז דארט אין שטוב געווען א געוואלדיגע התעוררות און א פחד, נאכן עלות השחר האט דער צדיק צו געענדיגט זיינע ווערטער מיט די ווערטער "כי עמך מקור חיים, מחיי החיים", און מחזיר געווען נשמתו הטהורה ליוצרה.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע ספרים און דברי תורה.

ספר אמרי בינה, ביאור על מצוות קריאת שמע ותפילין על פי הקבלה,<br>
ספר שער היחוד,<br>
ספר שער האמונה, על מצוות האמונה,<br>
ספר תורת חיים, מאמרי חסידות,<br>
ספר עטרת ראש, דרשות,<br>
ספר עיון תפילה, על התפילה,<br>
ספר שערי אורה, דרושים על חנוכה פורים,<br>
ספר שערי תשובה, על תשובה.

עס איז באקאנט וואס הרה"ק רבי חיים אברהם דובער לעווין הנקרא המלאך זי"ע האט געזאגט, אויפן ספר אמרי בינה בזה"ל, "ביי צוויי ספרים איז מיר ארויס געפאלן די האר פון קאפ, ספר המורה, און ספר אמרי בינה.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק רבי מנחם נחום מניעזין זי"ע, חתן הרה"ק רבי זלמן ריבלין זי"ע, בזיווג שני חתן הרה"ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זי"ע בן הרה"ק המגיד מטשרנוביל זי"ע,<br>
הרה"ק רבי ברוך שמואל זי"ע, חתן דודו הרה"ק רבי חיים אברהם זי"ע, בן הרה"ק בעל התניא מלאדי זי"ע,<br>
בתו, הצדקת מרת שרה ע"ה, אשת הרה"ק רבי אליעזר דרברימדיגר זי"ע, בן הרה"ק רבי מאיר מבארדיטשוב זי"ע, בן הרה"ק בעל הקדושת לוי מבארדיטשוב זי"ע,<br>
בתו, הצדקת מרת ביילא ע"ה, אשת הרה"ק רבי יקותיאל זלמן ווילס זי"ע, בן הרה"ק רבי יוסף שלום בונם זי"ע חתן הרה"ק בעל הקדושת לוי מבארדיטשוב זי"ע,<br>
בתו, הצדקת מרת חיה מושקא ע"ה, אשת הרה"ק רבי מנחם מענדל שניאורסון הצמח צדק מליובאוויטש זי"ע ממלא מקום חמיו,<br>
בתו, הצדקת מרת דבורה לאה ע"ה, אשת הרה"ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זי"ע, בן הרה"ק המגיד מטשרנוביל זי"ע,<br>
בתו, הצדקת מרת ברכה ע"ה, אשת הרה"ק רבי יונה מזיטומיר זי"ע,<br>
בתו, הצדקת מרת מנוחה רחל ע"ה, אשת הרה"ק רבי יעקב כולי מסלונים חברון זי"ע,<br>
בתו, הצדקת מרת חיה שרה ע"ה, אשת הרה"ק רבי אהרן אלכסנדרוב משקולוב זי"ע, בזיווג שני אשת הרה"ק רבי אהרן זסלבסקי מקרמנצוג זי"ע,<br>
בתו הצדקת מרת אסתר מרים ע"ה.

נסתלק לגנזי מרומים ביי די 54 יאר אלט ביום ט' כסלו בשנת תקפ"ח (ונתקיים אֶת מִסְפַּר יָמֶיךָ אֲמַלֵּא, הקב"ה ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום), ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט ניעזין.

זכותו הגדול יגן עלינו<br>
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

**דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי דוב בער מליובאוויטש זי"ע** האט אמאל געזאגט, וואס איז די חילוק פון די חסידים און די כת המתנגדים,ביידע מיינען דאך זייער כוונה לשם שמים.

נאר א מתנגד לערנט תורה לשמה און טוט מצוות ומעשים טובים בדחילו ורחימו, אבער ווען ער טוט ח"ו אן עבירה, דאן רירט ער זיך נישט אוועק ביז ער טוט תשובה שלימה מיט געוויין און

תעניתים וסיגופים, אבער ער וועט בלייבן אין א מצב פון מרה נפש און קען ביי זיך נישט ארויף ברענגען קיין שמחה.

אבער א חסיד לערנט אויך תורה לשמה און טוט מצוות ומעשים טובים בדחילו ורחימו, און ח"ו ווען ער ווערט נכשל מיט אן עבירה, וועט ער עוסק זיין אין תשובה און חרטה גמורה מיט א צובראכן הארץ, אבער אויב קומט אים אונטער א מצווה, וועט ער דאס טון מיט א שמחה רבה און וועט דאן פארגעסן אז ער האט ליידער עובר געווען אויף אן עבירה.

ווייל דאס איינציגסטע דרך פון א חסיד איז צו מאכן א נחת רוח און מקיים זיין רצון בורא ית"ש באהבה און נישט מיט יראת העונש אדער שכר בעוה"ב, וועגן דעם וועט טאקע דער חסיד תשובה טון אויף א עבירה אבער דאס וועט אים נישט צוריק האלטן פון ווייטער מקיים זיין מצוות בוראו.

**ווערט דערציילט**, איבער די גרויסן כח התורה און געוואלדיגע שקועות בתורה פון דעם צדיק וקדוש רבי דוב בער מליובאוויטש זי"ע, איין נאכט איז דער צדיק רבי דוב בער זי"ע געזעצן און עוסק געווען בתורה מיט אזא שטארקע שקועות אין דביקות בתורה ובחסידות, אז ער האט ממש נישט געשפירט וואס קומט פאר ארום אים, אינמיטן די נאכט איז א קינד אראפ געפאלן פון בעט און זייער געוויינט, אבער וויבאלד זיין טאטע איז געווען אזוי שקוע בתורה, האט ער בכלל נישט געהערט ווי דאס קינד וויינט.

די טאטע דער הייליגער בעל התניא זי"ע האט געוואוינט דארט נעבן זיין זוהן און אויך עוסק געווען בתורה, אבער דער זיידע האט יא געהערט ווי דאס קינד וויינט, איז דער זיידע אראפ און אויף געהויבן דעם קינד און בארואיגט דעם קינד, ווען דער זוהן האט זיך דערוועקט פון זיין דביקות, האט ער גלייך געפרעגט דעם טאטן, וואס ער טוט דא אזוי שפעט אינמיטן די נאכט, האט דער טאטע מעורר געווען זיין זון רבי דוב בער זי"ע און געזאגט, קינד מיינס מען דארף טאקע זיין שטארק שקוע אין תורה, אבער ווען א איד וויינט ברויך דאס אויף וועקן און מעורר זיין דאס הארץ.

**איין טאג איז דער צדיק הרה"ק רבי לוי יצחק בעל הקדושת לוי מברדיטשוב זי"ע** געווען אויף א באזיך ביים הייליגען בעל התניא זי"ע, האט דער הייליגער קדושת לוי געזאגט פארן בעל התניא, אז דער זון זאגט טאקע גאר שיינע דרשות, אבער איך הער אז ער איז מגלה ביי די דרשות סודות קדושים ונוראים.

האט דער הייליגער בעל התניא געלאזט ריפן זיין זון רבי דוב בער זי"ע, און געבעטן אז ער זאל זאגן דברי תורה פארן הייליגען קדושת לוי מברדיטשוב זי"ע, האט ער מיטן רשות פון זיין טאטן אנגעהויבן זאגן דברי תורה מיט א געוואלדיגע התגלות עצומה, און כמעיין הנובע האט ער מגלה געווען גדולות ונצורות, אינמיטן איז דער הייליגער קדושת לוי זי"ע אויף געשפרינגען און געזאגט בזה"ל, "דער זעט דאך מער ווי יחזקאל הנביא במרכבה".

**איינמאל איז דער הייליגער קדושת לוי מברדיטשוב זי"ע** געווען ביי א שבע ברכות אין שטאט זלובין צוזאמען מיטן צדיק וקדוש רבי דוב בער מליובאוויטש זי"ע, בשעת די סעודה האט דער קדושת לוי געבעטן פונעם רבין מליובאוויטש זי"ע, אז ער זאל זאגן דברי תורה, האט ער געזאגט פארן קדושת לוי, אז ער וויל נישט זאגן קיין דברי תורה, וויבאלד ער האט מורא אז דער קדושת לוי וועט נתפעל ווערן און מאכן תנועות און דאס וועט אים זייער שטערן.

דער הייליגער קדושת לוי האט צו געזאגט אז ער וועט זיך איינהאלטן און גארנישט שטערן בשעת די תורה, אבער אביסל נאכדעם וואס רבי דוב בער מליובאוויטש האט אנגעהויבן זאגן דברי תורה, איז דער הייליגער קדושת לוי ארויס פון התפעלות און זיך מער נישט געקענט איינהאלטן, איז דארט אויפן טיש געלעגן אסאך משקה, האט דער קדושת לוי פון גרויס התרגשות גענומען א באטל משקה און געקלאפט אויפן טיש מיטן באטל.

דאן האט זיך דער הייליגער צדיק מליובאוויטש זי"ע אנגערופן, רבי מען האט דאך עפעס אפ געשמיסט און אפגעמאכט, האט דער הייליגער קדושת לוי זי"ע געזאגט בזה"ל, "וואס זאל איך טון, מלאכים און שרפים זענען דא געקומען מיט האלטן די דברי תורה, און כדי זיי זאלן דיך נישט מקנא זיין, האב איך דאס געטון".

**ווי באקאנט האבן די בני פולין נישט אזוי געהאלטן פונעם דרך פונעם הייליגען רבין מליובאוויטש זי"ע**, ווייל זיי האבן געהאלטן אז ער איז מגלה צו אסאך דברי תורה על דרך הקבלה וכדומה, דער הייליגער רוזינער זי"ע האט געהאט ביי זיך א מלמד, וואס האט געלערנט קודם מיטן צדיק רבי ר' דוב בער מליובאוויטש זי"ע און ער האט געהאט אסאך מאמרים פון אים ביי זיך.

אבער דער מלמד האט אייביג אכטונג געגעבן נישט צו לאזן די דברי תורה ערגעץ ווי איינער קען דאס טרעפן, וויבאלד ער האט מורא געהאט פון די חסידי פולין, אבער איינמאל איז דער מלמד ארויס פון זיין צומער פאר אפאר מינוט, ווען ער קומט צוריק טרעפט ער דעם הייליגען רוזינער זי"ע, ווי ער קוקט איבער די מאמרים, ווען דער רוזינער זי"ע האט אים געפרעגט מיט א התפעלות ווער עס האט געשריבן די מאמרים, האט ער געזאגט, אז דאס איז פון רבי דוב בער מליובאוויטש זי"ע, האט זיך דער הייליגער רוזינער אנגערופן בזה"ל, "רוה"ק אמת'ע רוה"ק".

**בשנת תרנ"ד האבן גרויסע פרעפעזארן מגלה געווען**, אז אינעם מוח פון א מענטש איז דא א אדער וואס דאס איז מקושר צום מח, און דאס גיבט פארן מענטש דעם כח הזכרון און דאס העלפט דעם מענטש זיך מעמק זיין אין זאכן.

ווען מען האט דאס דערציילט פארן רבין הרה"ק רבי שלום דובער מליובאוויטש הנקרא מהרש"ב זי"ע, האט דער צדיק ארויס גענומען א קליינע ספר בכתב יד פונעם עלטער זיידע הרה"ק רבי דוב בער מליובאוויטש זי"ע, און געוויזן, ווי דער הייליגער זיידע האט שוין דארט געשריבן וועגן דעם אדער אין מוח פון א מענטש, ממש דאס וואס די פרעפעזארן האבן יעצט מגלה געווען.

ווען איינער דארט אין שטוב האט זיך אנגערופן, דער זיידע איז געווען א פראפעסער, האט דער אייניקל געזאגט, ניין דער זיידע איז נישט געווען קיין פורפעסור, נאר ער האט געוויסט אז וויבאלד די אדער איז דא אין מענטשן בעולם העליון, איז דאס זיכער אויך דא אין מענטשן בעולם הזה אויף די וועלט.

**איינמאל איז דער מיטעלער רבי מליובאוויטש זי"ע** אריין געקומען אין ביהמ"ד, און געזען ווי דער עולם איז בעצבות, האט דער צדיק זיי געזאגט, עס שטייט (תהלים קט"ו ד') עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף וְזָהָב מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם, האט דער צדיק געזאגט, עֲצַבֵּיהֶם וואס איז א לשון פון עצבות, אז עצבות ביי א איד קומט פון כֶּסֶף וְזָהָב מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם אז מענטשן מיינען אז זיין פרנסה און אלעס קומט פון כֶּסֶף וְזָהָב און פון מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם, און דערפאר איז א איד ח"ו בעצבות, נאר א איד ברויך אייביג וויסן, אז אלעס קומט נאר פון אויבן פונעם גרויסן באשעפער.

**אמאל איז דער צדיק וקדוש דער מיטעלער רבי מליובאוויטש זי"ע** געווען אויפן וועג אהיים פון א נסיעה פון צוויי טאג וואס ער האט עוסק געווען אין עסקנות פאר אידישע קינדער, פלוצלונג אינמיטן די וועג האט ער געבעטן דעם בעל עגלה, אז ער זאל פראבירן ווי שנעלער צו אנקומען אהיים ווייל ער מיז ווי פריער זיין אינדערהיים.

דער בעל עגלה האט נישט געוויסט וואס די סיבה איז, אבער ער האט דעם רצון פונעם רבין מקיים געווען און גאר גאר שנעל געפארן, כדי ער זאל אנגעקומען צום שטוב פונעם רבין ווי שנעלער, אבער לפלא האט ער געזען, ווי דער הייליגער צדיק שטייגט אראפ פונעם וואגן, און גייט אריין צו זיך אין ספרים שטוב, און ניטמאל טוט ער אויס זיין מאנטל, נאר נעמט ארויס א גמרא און שטייענדיג אויף די פיס האט דער צדיק געלערנט בקול רם פאר שעה'ן לאנג, ווייל דער צדיק האט אינמיטן וועג באקומען אזא דארשט צו תורה הקדושה נאכן נישט לערנען פאר צוויי טאג, ווייל דאס איז געווען זיין איינציגסטע מטרה אין לעבן.

**דער הייליגער מיטעלער רבי מליובאוויטש זי"ע** איז אמאל געווען אין א געוויסע שטעטל, דארט איז ער איין געשטאנען אין שטוב פון איינע פון די גרויסע חסידים הרה"ח ר' ישעי' קריסלאוועד ע"ה, דער צדיק האט דארט אין שטאט געזאגט א לאנגע דרוש בחסידות וואס האט זיך פארצויגען ביז שפעט אינמיטן די נאכט.

האט דער בעל אכסניא אנגעגרייט א נאכטמאל פארן רבין, און דאס אריין געלייגט אין אויווען און געזאגט פארן משמש, אז ווען די רבי ענדיגט די דרשה זאל ער וויסן, אז עס איז אנגעגרייט פארן רבי א שיינעם נאכטמאל און ער זאל דאס דאן ארויס נעמען און דערלאנגען פארן רבין.

דעם אנדערן טאג אינדערפרי קומט די בעלת אכסניא אריין אין קיך, און עס ווערט איר שווארץ פאר די אויגן, ווייל בייננאכט האט זי אן געגרייט א טאפ זופ און פלייש פארן רבין, אבער אויף די אנדערע זייט איז געלעגן א טאפ נישט כשר'ע זופ ספעציעל אן געגרייט פאר א פריץ וואס ברויך היינט קומען, און יעצט זעט זי אז די נישט כשר'ע זופ איז נישט דארט, אבער די זופ וואס מען האט געגרייט פארן רבין ליגט יא דארט.

זי האט זיך נישט געקענט בארואיגען אז דורך איר איז ליידער די רבי נכשל געווארן מיטן עסן נישט כשר'ע עסן, איז זי גלייך ארין געלאפן צום שטוב פונעם רבין און זייער געוויינט, ווען דער גבאי האט געהערט ווי זי וויינט, האט ער איר געפרעגט וואס גייט פאר, האט זי דערציילט די גאנצע מעשה און זייער געוויינט אז דורך איר איז דער רבי נכשל געווארן מיט עסן נישט כשר'ע מאכלים.

דער גבאי האט זיך צושמייכלט און געזאגט, איר מיינט טאקע אז די רבי איז דא נכשל געווארן, ח"ו דער גרויסער באשעפער היט אפ אויף צדיקים אז זיי זאלן ח"ו נישט נכשל ווערן מיט קיין מאכלות אסורות, און תוך הדברים פירט ער איר אריין אינעם שטוב פונעם רבין, און ווייזט ווי דער טאפ זופ ליגט אויפן טיש אים באריערט עס פעילט נישט קיין טראפ דערפון, און דער גבאי דערציילט די מעשה.

נעכטן נאכן דרשה האב איך אריין געברענגט דעם טאפ זופ צום רבין, דער צדיק האט זיך געוואשן און געגעסן ברויט, דאן האט ער גענומען א לעפל פון די זופ אין די האנט און אריין געקוקט אינעם לעפל צוויי מאל, באלד האט די רבי צוריק געלייגט דעם לעפל מיטן זופ אינעם טאפ זאגענדיג איך וויל נישט עסן די זופ.

האב איך געפרעגט דעם רבין, אפשר וויל די רבי כאטש עסן פון די פלייש ווייל די רבי האט דאך היינט נאך גארנישט געגעסן נאר צוויי גלעזלעך טיי, האט די רבי זיך צושמייכעלט און געזאגט, "ניין דאס פלייש וויל איך נישט עסן, און דו ווערסט אויך נישט עסן פון די זופ און פלייש", אז די רבי האט אזוי געזאגט האב איך געפאלגט און גארנישט געגעסן פון די זופ און פלייש, פארשטייט זיך דאן האט די פרוי געזען ווי דער גרויסער באשעפער היט אויף זיינע צדיקים אז זיי זאלן ח"ו נישט נכשל ווערן בדבר עבירה.

**ווי עס איז באקאנט איז דער הייליגער מיטעלער רבי מליובאוויטש זי"ע** געזעצן אין תפיסה צוזאמען מיט הרה"ק רבי אהרן הלוי משטראשעלע זי"ע, האט דער שומר פון תפיסה וואס איז געווען א פראסטע רוסישע גוי דערציילט, אז ביי אים אין תפיסה זיצן צוויי מאדענע פערזאנען..

שבת קודש ביי קידוש שטייט איינע פון זיי (דאס איד געווען דער מיטעלער רבי זי"ע) מיטן כוס פאר קידוש אן געגאסן פאר דריי שעה אויף איין פלאץ און רירט זיך נישט פון פלאץ ממש ווי א דומם, און דער אנדערער (דאס איז געווען הרה"ק רבי אהרן הלוי משטראשעלע זי"ע) לויפט ארום אין שטוב מיט א התלהבות מיטן כוס אן געגאסן און קיין איין טראפ וויין גיסט זיך נישט אויס, ווייל ווי באקאנט האבן די צוויי צדיקים געהאט א אנדערן דרך אין עבודת השם.